STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07654

UNDZER NAYER KULTUR-VILN

Chaim Zhitlowsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. חיים זשיטלאָווסקי

אונדזער נייער קולטור-ווילן

וואָס וויל דער „איקוף“?

אַלוועלטלעכער יידישער קולטור-פאַרבאַנד
נ י ו - י אָ ר ק

אַרויסגעגעבן צו די יובילי־פּייערונגען פון דר. חיים זשיטלאָווסקי
ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1941.

געדרוקט אין 3,000 עקזעמפּלאַרן

209

הקדמה

דער „אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־פאַרבאַנד” („איקוף”) איז אַ קינד פון יענעם אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פאַריז דעם 17טן ביז דעם 21טן סעפּטעמבער, 1937.

דאָס פּראָגראַם פון דעם נייעם קולטור־פאַרבאַנד איז נאָר אָנגעמערקט געוואָרן — אין די גאָר וויכטיקסטע און אַלגעמיינסטע שטריכן — אין דעם אָנגענומענעם „מאַניפעסט”, וועלכן די לייענער וועלן געפינען אין אַ ביילאַגע צו אָט־דער אַרבעט מיינער. אָבער דער גייסט פון דעם קולטור־פאַרבאַנד ווערט ניט אויסגעשעפּט אין דעם „מאַניפעסט”. ניט אַלץ, וואָס דער „איקוף” וויל און צו וואָס ער שטרעבט, האָט געקאָנט — בעת דער שליסונג פון דעם קאָנגרעס — אַריינגענומען ווערן אין דעם „מאַניפעסט”.

עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ קוואַל, לויט וועלכן מיר קאָנען אַרויסברענגען און גענוי פאָרמולירן יענע גייסטיקע ריכטונג, וואָס אירע צילן וויל דער „איקוף” פאַרווירקלעכן אין לעבן. דער קוואַל איז — די פּראָטאָקאָלן פון דעם קולטור־קאָנגרעס.

די פּרעסע, וואָס האָט גערעדט וועגן דעם קאָנגרעס, ווי אויך אַלע באַטייליקטע דעלעגאַטן, האָבן איינשטימיק געזאָגט עדות, אַז אויף דעם קאָנגרעס האָט געהערשט אַ מערקווירדיקע איינהייטלעכקייט און האַרמאָניע.

די דעלעגאַטן האָבן אין זייערע אינהאַלטרייכע רעדעס אַרויסגעבראַכט אַ גאַנץ באַשטימטן טעאָרעטישן איינשטעל, האָבן קלאָר אָנגעצייכנט די וויכטיקסטע יסודות, אויף וועלכע עס דאַרף געבויט ווערן די „גייסטיק־נאַציאָנאַלע היים”, די קולטור פון אונדזער פאָלק אין אונדזער שפּראַך־ספערע פון אידיש. די קולטור פון אַ פאָלק איז אָבער אַלץ, וואָס גייט דורך דעם פאָלקס הענט און דורך דעם פאָלקס מוחות און הערצער. דאָס הייסט, דאָס גאַנצע לעבן פון אַ פאָלק. ממילא איז דער איינשטעל אין די וויכטיקסטע יסודות פון דער אידישער קולטור אין דער זעלביקער צייט אַן איינשטעל, אַ קאָמפּאַס, וואָס גיט אָן די ריכטונג פאַר אונדזער טעטיקייט אין אַ גרויסער צאָל זייער וויכטיקע פּראָבלעמען פון אונדזער לעבן, ווי צ.ב. אין דעם

פּראָבלעם פון אַסימילאַציע, צי אין אונדזערע באַציאונגען צו די אידן אין פאַרשיידענע לענדער, צי אין אונדזער שטעלונג צו דער צעשפּאָלטנקייט פון אונדזער פאָלק אין פאַרשיידענע פּאַרטייען און ריכטונגען.

אויף דעם סמך פון די פּראָטאָקאָלן פון דעם פּאַריזער קאָנגרעס האָב איך מיך געמיט אַרויסצודעסטילירן די וויכטיקסטע יסודות פון אונדזער, אַזוי צו זאָגן, נייעם אידישן קולטור־ווילן. אָט־די יסודות גיבן דעם ריכטיקן ענטפער אויף דער שאלה: וואָס וויל דער „איקוף״?

די אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן באַלד נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון די פּראָטאָקאָלן און איז אין אַ פּאָר שטעט געלייענט געוואָרן ווי אַ לעקציע אין דעם ווינטער 1937־1938.

פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון אונדזער נייעם קולטור־ווילן, ווי ער דריקט זיך אויס אין די אַרויסגעדיסטילירטע יסודות, האָב איך מיך באַרופן אויף די רייד פון די רעדנער גופא. איך האָב אויסגעקליבן ציטאַטן פון רעדנער מיט זייער חשובע נעמען — רעדנער פון פאַרשיידענע לענדער און פאַרשיידענע פּאָליטישע און אידייאישע ריכטונגען. זיי אַלע שטעלן דעם טראָפּ אויף דעם אָדער יענעם פונקט פון יענער גייסטיקער איינהייטלעכקייט און האַרמאָניע, וואָס האָט געהערשט אויף דעם קאָנגרעס. אָבער נאָר ווייניקע שטעלן האָב איך געקאָנט אַריינגעמען אין דעם טעקסט גופא פון דער אַרבעט. זיי אין גאַנצן אַרויסלאָזן און פּשוט אָפּשיקן דעם לייענער צו די זייטלעך פון דעם אַזוי אינטערעסאַנטן פּראָטאָקאָל־בוך וואָלט ניט געדינט דעם צוועק פון דער אַרבעט.

ווידער — איבעררייסן דעם לויף פון מיין געדאַנקען־גאַנג מיט אַלע־ווייליקע ציטאַטן, וואָס דינען ווי עדות — וואָלט געשטערט די איינהייט־לעכקייט פון דעם פאָרטראָג.

איז פאַר מיר ניט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג, ווי נאָר צו ברענגען ווייניקסטנס אַ טייל פון יענע עדות און באַווייזן אין ביילאַגן און אָנגעבן אין טעקסט, ווען זיי צו לייענען.

ווי איך באַמערק אין אָט־דער אַרבעט, ווייס איך גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ שווערן וועג עס האָט פאַר זיך אונדזער נייער קולטור־ווילן, וואָס באַהערשט די טעטיקייט פון דעם „איקוף״. די פּאָר יאָר זינט דעם קאָנגרעס האָבן אויפ־געדעקט גענוג שטערונגען פאַר אָט־דער טעטיקייט.

דאָס זאָל אָבער ניט אָפּשוואַכן אונדזער מוט און אונדזער ענערגיע. דער נייער קולטור־ווילן איז אַן אויסדרוק פון די טיפסטע לעבנס־נויטן פון אונדזער פאָלק. דער נייער קולטור־ווילן איז אַ נייער וועג. און אויף קיין איין נייעם

וועג טרעט ניט אַרויף אַ פֿאָלק אָן שטערונגען, צי העפֿטיקע אינעווייניקסטע קאַמפֿן.

גרייַלעך וואָלטן מיר געוואָלט, אַז אָט־די קאַמפֿן מיט אַלטע שונאים און נייַ־צוגעקומענע זאָלן אונדז בלייבן פֿאַרשפּאָרט. הלוואַי קאָן דער „איקוף" גיין זייַן וועג און זיך ניט רעכענען מיט די שטרויכלונגען פֿון דעם פּייַנטלעכן אַרום!

אָבער — אויב עס וועט אַרויפֿגעצוואונגען ווערן דער קאַמף, וועלן האָפֿנטלעך די טרייַ־איבערגעגעבענע טוערס פֿון דעם „איקוף" אויך דורך קאַמף קאָנען געווינען דעם טריאומף פֿאַר זייַן ריכטונג אין דעם אידישן לעבן, פֿאַר זייַנע וויכטיקע גרונט־געדאַנקען, וואָס באַשטימען אונדזער נייַעם קולטור־ווילן.

קראָטאָן-אָן-האָדסאָן,
סעפּטעמבער 1941.

װעגן דעם אידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז איז שוין פֿאַראַן אַ היפּשע ליטעראַטור: דער גרויסער פּראָטאָקאָל־בוך פֿון אַ 370 זייטן (אַרויס־געגעבן פֿון דעם „איקוף"), קאָרעספּאָנדענצן אין די צייטונגען פֿון די פֿאַר־שיידנסטע ריכטונגען, אָפּשאַצונגען, לויב־געזאַנגען און שאַרפֿע קריטיקן — ביידעס כמעט אין דער גאַנצער אידישער פּרעסע איבער גאָר דער װעלט.

געלייענט האָב איך ניט אַלץ, אָבער אַ היפּש ביסל געדרוקטס און דערצו אַ פּאָר לענגערע בריוו פֿון פּאַריז. [איינער פֿון זיי איז געשריבן פֿון אַ מענטשן, װעמען איך קען פּערזענלעך און װאָס פֿאַרדינט דעם גרעסטן צוטרוי.]

דער איינדרוק פֿון די באַריכטן װעגן דעם קאָנגרעס איז, אַז ער איז געװען אַזאַ דערפֿאָלג, אַזאַ אימפּאָזאַנטע דעמאָנסטראַציע פֿאַר דער אידישער קולטור, װעלכע קיינער האָט ניט דערװאַרט. עס האָבן זיך באַטייליקט אין אים 104 דעלעגאַטן מיט שטים־רעכט, װאָס האָבן פֿאַרטראָטן 677 אָרגאַני־זאַציעס און אַנשטאַלטן פֿון 23 פֿאַרשיידענע לענדער, ד. ה., אַז אין 23 לענדער פֿון דער װעלט האָבן זיך געפֿונען אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפֿטן, װאָס זיי איז די מאָדערנע קולטור־שאַפֿונג אין אידיש טייער. זיי אַלע האָבן אויף דעם קאָנגרעס געבילדעט אַן „אַלװעלטלעכן פֿאַרבאַנד", כּדי מיט פֿאַר־אייניקטע כּוחות צו העלפֿן איר װייטערדיקן בוי, איר באַרייכערונג מיט נייע שאַפֿונגען, איר אַריינדרינג אין די גרויסע פֿאָלקס־מאַסן, איר קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ און פֿרייער אַנטװיקלונג אַנטקעגן דרויסנלעכע און אינעװייניקסטע שונאים, װי אויך דערהויבן איר חשיבות און אָנזען אין דער ניט־אידישער װעלט און ממילא אויך דערהויבן די חשיבות און אָנזען פֿון דעם אידישן פֿאָלק, װאָס לעבט זיך אין איר אויס, װי אין זיין „גייסטיק־נאַציאָנאַלער היים".

אָבער ניט נאָר דאָס האָט אַרויסגערופֿן די איבערראַשונג ביי פֿריינט און פֿיינט.

עס האָבן אימפּאָנירט די גלענצנדיקע נעמען סיי פֿון די באַטייליקטע, סיי פֿון זיינע אָרגאַניזירער, סיי פֿון די, װאָס האָבן צוגעשיקט זייערע באַגריסונגען און האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט זיין שטרעבן.

װען איך לאָז פֿאַרבייגיין פֿאַרביי מיין זכּרון די נעמען פֿון אַלע „גדולים" אין אונדזער אידיש־אידישער קולטור־ספֿערע — די ליטעראַטן, קינסטלער, סקולפּטאָרן, מאָלער, טעאַטער־לייט, געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע טוער —

מוז איך, נאַטירלעך, מודה זיין, אַז ניט די גאַנצע רייכע פּלעיאַדע פון שטערן ערשטער גרויס האָבן געלויכטן אויף דעם הימל פון דער אויפגעהויבענער קאָנגרעס־באַוועגונג. פילע, און גאָר זייער חשובע פון זיי, האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אויף איר האָריזאָנט — וואָלקנס, פון וועלכע עס האָט געבליצט און געדונערט אי פאַר דעם קאָנגרעס, אי בעתן קאָנגרעס, אי לאחר המעשה. אַ שאָד — אַשאָד, וואָס יענע לויכטנדיקע שטערן זיינען ניט געווען! אָבער אויך די פּלעיאַדע שטערן פון ערשטער גרויס, וועלכע יענע וואָלקנס האָבן ניט געקאָנט צודעקן, איז געווען גענוג רייך אין צאָל, אַז מען זאָל זיך מעגן באַרימען מיט דעם אויסגעשטערנטן שטיק ריינעם הימל. איך וויל זיי דאָ ניט אַלע אויסרעכענען, אָבער עטלעכע נעמען מעגן דאָך דערמאָנט ווערן — נעמען פון מענטשן, פון באַשאַפערישע קרעפטן, פאַר וועלכע יעדער איינער, פריינט אָדער פיינט, מוז אַראָפּנעמען אין טיפער פאַרבויגונג זיין הוט. דער סקולפּטאָר אַראָנסאָן, דער מאָלער מאַרק שאַגאַל — ביידע פון אַן איראָפּיאישער באַרימטקייט, דער בעלעטריסט אַפּאָטאָשו, דער גאָר גרויסער דיכטער ה. לייוויק. אַ חוץ די דערמאָנטע האָב איך אין דער ליסטע פון דעלעגאַטן און סימפּאַטיזירער אָנגעציילט איבער 40 מיר פּערזענלעך גוט באַקאַנטע נעמען, וואָס וועלן, לויט זייער גרויס און זייער וואָג אין דער אידישער וועלט בכלל, נאָך קאָנען אויפנעמען דעם פאַרמעסט מיט די אַלע, וואָס הינטער די וואָלקנס. די אידישע עפנטלעכקייט האָט געשפּירט, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ באַוועגונג, אַ רייכער אין שאַפונגס־קרעפטן, אין שוואונג, אימפּעט, אידייאישער עקשנות און הויכע אידעאַלן.

אָט־דער איינדרוק ווערט נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען מען ווערט באַקאַנט מיט די רעדעס און רעפעראַטן. אַזאַ רייכקייט אין גייסט, אין טיפער קענטעניש פון די ענינים וועגן וועלכע זיי רעדן, איז זעלטן אָנצוטרעפן אויף אידישע קאָנגרעסן. עס איז אויף מיין גורל אין לעבן אויסגעפאַלן צו זיין אויף אַ היפּש ביסל נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן. און ווען איך לאָז זיי פאַרבייציען פאַר מיין זכרון, מוז איך דעם פאַריזער צונויפקום אַוועקשטעלן, אין פּרט פון גייסטיקער הויך, אין איין ליניע מיט די קאָנגרעסן פון די גרויסע סאָציאַליסטישע פאַרטייען און פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל פון פאַר 1914. מיט יעדן אידישן קאָנגרעס קאָן „פאַריז" אין זיין גייסטיקייט אַלעמאָל אויפנעמען דעם פאַרגלייך.

און קיין חידוש ניט! זיינען דאָך דאָס רוב רעפערענטן און רעדנער אויסגעוואַקסן אין דער סאָציאַליסטישער גייסטיקער וועלט, דער אָנגעזאַפּטער מיט די קולטור־אוצרות פון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט.

איבערראַשט האָט אויך דער קאָנגרעס מיט דער איינהייטלעכקייט פון

זיין שטרעבן און נאך מער פאר אלץ — מיט יענעם פרידן, יענער הארמאניע, וואס האט געהערשט אויף אים פון אנהויב ביזן סוף. אט־די הארמאניע ווירקט באזונדערס פארפלעפנדיק, ווען מען ווערט געוואויר, אז באטייליקט האבן זיך אין אים ארגאניזירער, בויער און אנהענגער פון די פארשיידנסטע ארגאניזאציעס און פארטייען.

סט. איוואנאוויטש, א העפטיקער קעגנער פון דעם קאנגרעס און פון דער נייער אידישער קולטור־באוועגונג בכלל, האט אין זיין קארעספאנדענץ צו דעם ניו־יארקער „פארווערטס" קאנסטאטירט, אז דער קאנגרעס איז באשטאנען — איך ציטיר זיינע ווערטער — „פון קאמוניסטן, אנטי־קאמוניסטן און ניט־קאמוניסטן". נו — ווּעמען וואלט איר נאך געוואלט? נאטירלעך איז אט די פארמולע זיינע צו ברייט און זאגט גאר נישט. מען דארף אריינקוקן מיט גוטער קענטעניש אין דער ליסטע פון די ארגאניזירער, דעלעגאטן, געסט מיט בעראטונגס־שטימען און הארציקע באגריסער, כדי תיכף צו באמערקן, אז קיין איין פראגרעסיווע ריכטונג, מיט אפשר דעם איינציקן יוצא מן הכלל פון די רעכטע פועלי־ציון — אויב מארים מייער פון לאנדאן איז ניט קיין רעכטער פועלי־ציון — האט אויף דעם קאנגרעס ניט געפעלט.

עס זיינען דארטן געווען בונדיסטן, ציוניסטן, סערפיסטן, סאציאליסטן־טעריטאריאליסטן, אידישע סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן, קאמוניסטן, פאלקיסטן, מאדערן־רעליגיעזע סאציאליסטן (ווי צ. ב. דוד איגנאטאוו), אומאפהענגיקע סאציאליסטן (געווען אין פוילן אזא פארטיי), אנארכיסטן. עס זיינען געווען מיטגלידער און טוער פון דעם אמעריקאנער ארבעטער־רינג (דער לאנדאנער ארבעטער־רינג האט באגריסט אין קארפארע), פון דער „קולטור־געזעלשאפט", פון „נאציאנאלן ארבעטער־פארבאנד", פון דעם „שלום־עליכם־פאלקס־אינסטיטוט", פון דעם „אידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט" אין ווילנע, פון דער רעדאקציע פון דער אלגעמיינער אידישער ענציקלאפעדיע, מיטגלידער פון דעם אלוועלטלעכן „ארט", פון דער פוילישער „צישא" — ניין, נאך ניט געווען אזא צונויפקום פון פארשיידענע ריכטונגען אין דער אידישער גייסטיקער וועלט, וואס זאל ארויסווייזן אזא איינהייטלעכן ווילן, אזא פרידן און הארמאניע און וואס זאל אין דער זעלביקער צייט זיין געטראגן פון אזא ענטוזיאסטישן שוואונג פון דעם ערשטן אוונט אן ביז און בעת דער נעילה.

איז דען א חידוש, וואס דער קאנגרעס האט איבערגעלאזן אזא שטארקן, אזא אומגעהויערן רושם אויף דער גאנצער אידישער פרעסע פון אייראפע?

כדי צו כאראקטעריזירן אט־די איבערראשונג, אט־דעם אומדערוואַרטעטן דערפאלג און דעם אומדערווארטעטן גייסטיקן סיורפריז, וואס דער קאנגרעס האט געגעבן זיינע אנטיילנעמער, וועט איר מיר דערלויבן צו ציטירן א פאר

שטעלן פון די רעדעס אויף דעם קאָנגרעס — סיי אין מיטן פון זיינע ארבעטן, סיי ביי זיין שלום.

נחמן מייזיל, דער רעדאַקטאָר פון די איבער גאָר דער אידישער וועלט באַקאַנטע „ליטעראַרישע בלעטער", איינער פון די אָרגאַניזירער פון דעם קאָנגרעס, דערקלערט: מיר האָבן „געהאַט שווערע מאָמענטן פון צוויפל. מיר האָבן אַליין פאַר זיך געטראַכט: ווער ווייסט, צי מיר וועלן בכוח זיין ביי דער וויסטער העצע, וואָס איז געפירט געוואָרן אין פאַרשיידענע קרייזן, צו אָרגאַניזירן אַזאַ צונויפטרעף, וואָס זאָל זיין בכוח אונדז פאַראייניקן, באַפעסטיקן? ניט איינמאָל האָבן מיר זיך געשראָקן. אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן געזען אויף דעם קאָנגרעס, האָט אונדז איבערציינט, אַז מיר אַליין האָבן ניט דערשאַצט אונדזערע אייגענע כוחות — גוט, וואָס מיר האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרפירן פון די צוויפל־געפילן." (ז. 184.)

דר. מוקדוני פון ניו־יאָרק דערקלערט: „איך האָב געמיינט, אַז אַלע אידן זיינען פאַרשלונגען דורך די ביטערע דאגות־פּרנסה. דער קאָנגרעס האָט מיר געעפנט די אויגן. עס זיינען דאָ אַזויפיל וואונדערלעכע אידן, וואָס גיבן אָפּ זייער לעבן פאַר דער אידישער קולטור, פאַר דער אידישער שול, פאַר דער אידישער ליטעראַטור. דאָס איז אַ נס. דאָס האָבן מיר אויסגעהאָדעוועט אין די לעצטע יאָרן. דאָס איז דער כוח פון דער אידישער קולטור. אויב די אידישע קולטור האָט אַזעלכע 104 דעלעגאַטן געקאָנט אויסהאָדעווען, וועט זי קאָנען אויסהאָדעווען פאַר דער אידישער קולטור אַ גאַנץ פאָלק." (ז. 309.)

דר. מ. שאַץ־אַנין, איינער פון די וויכטיקסטע קולטור־טוער אין לעט־לאַנד, אַ פיגור, אַ באַקאַנטע אין דער אייראָפּייאישער סאָציאַליסטישער וועלט, אַ מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער פון אידישער געשיכטע און אידישער קול־טור, פאָרמולירט די רעזולטאַטן פון דעם קאָנגרעס אָט אַזוי: „פון דער גרויסער הויך, אויף וועלכער די אידישע קולטור האָט זיך נאָך שווערן געראַנגל און זוכעניש דערהויבן אין אָט־די פינף קאָנגרעס־טעג, האָבן מיר אַלע בווילעט דערשפּירט, אַז דאָ איז געשאַפן געוואָרן אַ נייער פאַטאָס (לײדנשאַפט). זעלטן עפענען זיך אין דער וועלט־געשיכטע נייע קוואַלן פון פאַטאָס, נאָר איינמאָל אין אַ משך פון דורות איז דאָס איצט געשען." (ז. 314.)

י. טשערניכאָוו, דער דעמאָלטיקער פּרנס פון דער אידישער קהילה אין ווילנע, זאָגט צום שלום פון זיין רעדע: „אונדזערע אידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע וועלן מיר ברענגען אַ גרוס: „עס קומט אויף אַ נייע שטימונג, ניט נאָר געדאַנקען, נאָר אויך לעבעדיקע מענטשן. אונדזער קולטור־קאָנגרעס איז אַ לעבעדיקער, ער וועט אונדז ברענגען צום לעבן." (ז. 163.)

דער שוין־דערמאָנטער נחמן מייזיל דערקלערט צו דער נעילה: „מיר אַלע, ליטעראַטן פון לענדער, וואו אידן שאַפן און לײדן, וועלן געדענקען,

אַז דער קאָנגרעס האָט אונדז אַלעמען דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה.״ (ז. 264.)

און שליסנדיק דעם קאָנגרעס, קאָנסטאַטירט ה. לייוויק: „צוזאַמען זיינען מיר שאַפער פון עפּעס נייעס אין אידישן לעבן.״ (ז. 322.)

אין וואָס איז באַשטאַנען די דאָזיקע „נײס״, יענער נייער פּאַטאָס, יענע נייע געזעלשאַפטלעכע לײדנשאַפט און נייער ענטוזיאַסטישער שוואונג? — מיר ווען דאָס באַלד זען. איצטער מוזן מיר פאַרענדיקן דעם ענין: „אומ־דערוואַרטעט״ — פון דער אַנדערער, דער אַנטקעגנגעזעצטער זייט. אויף דעם רוף צו דעם קאָנגרעס האָבן זיך ניט אָפּגערופן גראָד די, וואָס האָבן געזאָלט זיין אויף אים די חשובסטע מחותנים, ווייל זייערע פאַרדינסטן פאַר אונדזער קולטור אין דער אידישער שפּראַך זיינען באמת קאָלאָסאַלע.

עס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען די „צענטראַלע אידישע שול־אָרגאַני־זאַציע פון פּוילן״ (די „ציש״א״), ווי אַן אָרגאַניזאַציע. דר. יוסף קרוק, דער אינטערנאַציאָנאַל־באַקאַנטער פירער פון די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן אין פּוילן און אין דער זעלביקער צייט אַ מיטגליד פון דער ציש״א־פאַרוואַלטונג, האָט דערקלערט אויף דעם קאָנגרעס, אַז אין דער פאַרוואַלטונג זיינען די אָנ־הענגער פון דעם קאָנגרעס נידערגעשטימט געוואָרן. אין דער פּרעסע איז געווען די ידיעה, אַז אַכט אָדער ניין מיטגלידער זיינען געווען דערפאַר און ניין אָדער צען אין דער מאַיאָריטעט, וואָס געגן. רירנדיק בעט זיך דר. קרוק ביי דעם קאָנגרעס, מען זאָל ניט האָבן קיין תרעומות דערפאַר אויף דער ציש״אָ, און אַז מען זאָל געדענקען, אַז אירע שול־אַנשטאַלטן זיינען אונדזערע שולן.

עס איז ניט געקומען אויף דעם קאָנגרעס דער שענסטער פּראָדוקט פון אונדזער באַוועגונג, דער „אידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט״. עס האָבן אים אויסגעמיטן די היגע אָרגאַניזאַציעס: דער אַרבעטער־רינג, דער נאַציאָ־נאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, דער שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט, די „קול־טור־געזעלשאַפט״, און עס איז קיינער ניט געקומען פון דער אָרטאָדאָקסיש־פרומער ריכטונג, וואָס האָט שוין איצטער וויפיל־ניט־איז מאָדערן־געבילדעטע מענטשן פון דעם טיפּ פון אַ דר. נתן בירנבוים, עליו השלום, אָדער דער רב עלזעט (אים צו לאַנגע יאָר), ווען די קולטור־ספערע אין אידיש איז געגוג טייער. שוין פריער האָב איך באַמערקט, אַז געגוג חשובע מיטגלידער פון אַלע יענע אָרגאַניזאַציעס זיינען אָדער געווען אויף דעם קאָנגרעס, אָדער האָבן זיך עפנטלעך סאָלידאַריזירט מיט אים.

פאַר וואָס האָבן זיי, ווי אָרגאַניזאַציעס און ריכטונגען, געפעלט?

און פון די לענדער האָט געפעלט איין לאַנד, אין וועלכן עס איז פאַר דער אידישער קולטור־ספערע, פאַר איר פאַרשפּרייטונג אין די פאָלקס־מאַסן

אויפגעטאָן געוואָרן אפשר מער, איידער אין אַ וואָסער אַנדער לאַנד: מיר מיינען דאָ דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

שטודירט מען דורך דעם פּראָטאָקאָל פון דעם קאָנגרעס און ווערט מען באַקאַנט מיט די אידייאיש־פירנדיקע רעדעס, רעזאָלוציעס, דעם אָנגענומענעם מאַניפעסט — דעם גאַנצן פאַרלויף זייַנעם, ביז עס איז אויף אים געגרינדעט געוואָרן דער „אַלוועלטלעכער אידישער קולטור־פאַרבאַנד", ווערט איינעם קלאָר דער פאַרוואָס. קורץ און שאַרף פאָרמולירט, באַשטייט דער פאַרוואָס דערין, וואָס אַלע יענע אָרגאַניזאַציעס, פאַרטייען און ריכטונגען האָבן זיך ניט געקאָנט אויפהויבן אויף יענער נאַציאָנאַל־געשיכטלעכער, צייט־היסטאָרישער און דעמאָקראַטיש־פּאָליטישער הויך, אויף וועלכער דער קאָנגרעס האָט געמוזט שטיין און איז געשטאַנען די גאַנצע צייט.

וואָס איז דאָס פאַר אַ היסטאָרישע און פּאָליטישע הויך? אַ סך עלעמענטן נעמט זי אַריין אין זיך און זיי אַלע זייַנען כאַראַקטעריסטישע סימנים פון יענער עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע, אין וועלכער מיר לעבן איצטער — אַן עפּאָכע, וואָס אירע גרונט־פּרינציפּן וועלן האָפנטלעך פאַרבלייבן אויף אייביק, כל זמן מיר וועלן זייַן אַ פאָלק אויף דער וועלט. מיר רופן אָן די דאָזיקע עפּאָכע: די פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע. זי איז געקומען, ווי אַ נויטווענדיקער רעזולטאַט פון אונדזער גאַנצער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, סיי פון יענע צענדליקער הונדערטער יאָרן, ווען מיר האָבן געלעבט אין דעם פרוס־נאַציאָנאַלן פּעריאָד, סיי פון יענע דרייַ האַלבהונדערט יאָרן, ווען די אַסימילאַציע האָט אין דעם נאָמען פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס גענומען אונטערגראָבן די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק. אונדזער נייַע עפּאָכע, די פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין דער טעאָריע מיט איבער פופציק יאָר צוריק, פאַראייניקט אין איינס דעם נאַציאָנאַלן פּרינציפּ פון דער אָרטאָדאָקס־פרומער וועלט און דעם פּראָגרעסיוון פּרינציפּ פון דעם אַסימילאַטאָרישן פּעריאָד.

מיט דער אָרטאָדאָקסאַלער אידנשאַפט גייען מיר, די טרעגער און אויסבילדער פון דער נייַער עפּאָכע, אידייאיש האַנט־אין־האַנט אין דעם שטרעבן פון אונדזער פאָלק צו אַן אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. מיר באַקעמפן אָבער יענעם יסוד, וואָס פאָדערט, אַז די צוגעהעריקייט צו דעם אידישן פאָלק זאָל זייַן געבונדן מיט דעם באַדינג פון אַ באַשטימטן אידיש־רעליגיעזן גלויבן.

מיט דער פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישער עפּאָכע גייען מיר אידייאיש האַנט־אין־האַנט אין דעם שטרעבן, צו פאַרווירקלעכן אין אונדזער עקזיסטענץ די העכסטע אידעאַלן פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס. מיר באַקעמפן אָבער אַזוי שאַרף ווי מעגלעך, אַזוי אומברחמנותדיק ווי מעגלעך, די נאַציאָנאַלע און שפּראַכלעכע אַסימילאַציע מיט דעם ניט־אידישן אַרום,

אונטער וועלכע מאַנטלען זי זאָל זיך ניט איינקליידן, מיט וועלכע אויסריידן זי זאָל זיך ניט פאַרענטפערן.

דער גייסט פון אַט־דעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן פעריאָד האָט געשוועבט איבער דעם קאָנגרעס, און זיין היסטאָרישער באַדייט ליגט ניט אין קיין קלענערער זאַך ווי אין פּראָקלאַמירן פאַר דער וועלט די יסודות פון אַט־דעם גייסט און אין דער אויסבילדונג — נאָך יאָרן און יאָרן פון אידיאישן קאַמף — די אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער די נייע עפּאָכע האָט זיך געגנויטיקט, כדי דורכצופירן די יסודות אירע אין דעם לעבן פון אונדזערע פאָלקס־מאַסן און פון אונדזער אינטעליגענציע.

וואָס זיינען דאָס פאַר יסודות, וואָס זיינען שאַרף אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די רעדעס אויף דעם קאָנגרעס?

אין דער ערשטער ליניע איז דאָס דער יסוד, דער פונדאַמענטאַלסטער פּרינציפּ, אַז מיר זיינען אַ פאָלק, הונדערט פּראָצענט פון זיך אַליין און ניט קיין וואָסער פּראָצענט פון אַ וועלכן עס איז אַנדער פאָלק.

דאָס איז, צווייטנס, דער יסוד, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אַ קולטור־שאַפנדיקע, אַ קולטור־געניסנדיקע איינהייט, וואָס בויט איר מענטשלעכן לעבן, אין אַלע זיינע מעגלעכע מאַטעריעלע און גייסטיקע ריכטונגען, אין אַן אייגענער נאַציאָנאַלער שפּראַך־ספערע, ווייל די שפּראַך גיט אונדז יענע פּסיכישע באַהעפטונגס־פעדים, וואָס בינדן אַלעמען צונויף, ווי קינדער פון איין־איינציקער גייסטיק־נאַציאָנאַלער היים, און לאָזן יעדן איינעם פריי צו וועבן פון יענע באַהעפטונגס־פעדים יענע קולטור־געוועבן, וואָס שטימען צונויף מיט זיין שכל, מיט זיין יושר און מיט זיין חוש פאַר שיינקייט.

דאָס איז, דריטנס, דער יסוד, אַז דאָס אידישע פאָלק איז איין־איינציק פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט.

פערטנס, באַדייט דאָס, אַז די פאָלקס־איינהייט, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ מענטשלעך־קולטורעלן לעבן אין אַ באַשטימטער שפּראַך־ספערע, שטייט העכער אידער יעדער טייל זיינער — העכער אידער יעדער קלאַס, יעדע פּאַרטיי, יעדע אידייאישע אָדער רעליגיעזע ריכטונג אין אים. דערפון די פאָדערונג, אַז יענע אויפגאַבן, וואָס זיינען געמיינשאַפטלעך פאַר אַלע קלאַסן, פּאַרטייען און אידייאישע ריכטונגען, אין דער ערשטער ליניע יענע פאַרבאַדינגונגען, וואָס מאַכן מעגלעך אַ קולטור־שאַפונג אין אַלע ריכטונגען, דאַרפן דורכגעפירט ווערן מיט געמיינשאַפטלעך־פאַראייניקטע כוחות אויף אַ פאַראייניקטן פלאַנמעסיקן באַזיס, אין וועלכן אַלע פּאַרטייען, ריכטונגען און גלויבונגען זאָלן זיין גלייכבאַרעכטיקט.

פינפטנס, פאָדערט דער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער פעריאָד פון אונדזער געשיכטלעכן לעבן, אַז די פּסיכישע באַהעפטונגס־פעדים, וואָס פאַראייניקן

אונדז אַלעמען אין איין נאַציאָנאַל־קולטורעלער איינס, זאָלן דוקא זיין יענע פּעדים, וואָס אונדזער פֿאָלק האָט אויסגעשפּונען אין זיין אידיש. דאָס איז דער מאָדערנער פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישער קולטור־פּרינציפּ פֿון אַ קול־טורעלן לעבן און שאַפֿן, אַז די שפּראַך פֿון די גרויסע פֿאָלקס־מאַסן דאַרף אויך זיין די נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק, און אַז ס'טאָר ניט דער־לאָזן ווערן, עס זאָל אויפגעבויט ווערן אַ שפּראַך־מחיצה צווישן די פֿאָלקס־מאַסן און דער שאַפֿנדיקער און פירנדיקער אינטעליגענציע, אָדער אַז אַ שפּראַך־מחיצה זאָל אויפקומען צווישן דער אידישער באַפעלקערונג פֿון איין לאַנד און דער אידישער באַפעלקערונג פֿון אַן אַנדער לאַנד.

דער זעקסטער פֿונדאַמענטאַלער פּרינציפּ פֿון דעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן פּעריאָד באַשטייט דערין, וואָס מיר זעען איין, אַז אונדזער פֿאָלק איז ניט פֿון נעכטן געבוירן געוואָרן; אַז מיר זיינען אַ פּראָדוקט ניט נאָר פֿון דרויסנ־לעבע אומשטאַנדן, נאָר — דער עיקר — פֿון אַן אינעווייניקסטער היס־טאָרישער אַנטוויקלונג, פֿון אַ לאַנגן קולטור־שאַפֿנדין פּראָצעס, וואָס דויערט שוין אַ דריי טויזנט יאָר; אַז מיר זיינען אַ נאַציאָנאַלע איינס ניט נאָר אין דעם גאַנצן מרחב פֿון דער ערד; מיר זיינען אויך אַן איינס אין דעם לויף פֿון אַלע אונדזערע היסטאָרישע צייטן. קולטור־אוצרות האָבן מיר געשאַפֿן, וואָס זיינען ווערט פֿון אַ פּראָגרעסיוון שטאַנדפּונקט אויפגעהיט צו ווערן און פֿאַרשפּרייט צו ווערן צווישן די פֿאָלקס־מאַסן, כדי אויך זיי זאָלן באַוואוסט־זיניק לעבן אין דעם שטראָם פֿון דער אידישער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

דער זיבעטער יסוד פֿון דעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן פּעריאָד איז די וועלטלעכקייט. און וועלטלעכקייט, לאָזט מיך צום וויפֿילטן מאָל באַטאָנען, באַדייט בשום אופן ניט, אַנטי־רעליגיעז, נאָר אַנטי־קלעריקאַל, אַנטי־קירכלעך. דאָס איז נאָר די פֿאָדערונג, אַז קיין רעליגיע זאָל ניט האָבן קיין רעכט אַרויפֿ־צודריקן איר כשרות־שטעמפּל אויף יענע ענינים פֿון דעם פֿאָלקס־לעבן און פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור, אין וועלכע אַלע קינדער פֿון דעם פֿאָלק זיינען פֿאַראינטערעסירט, דער עיקר אין די ענינים פֿון דער דערציאונג, בילדונג, זעלבסט־הילף און זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג.

דער אַכטער יסוד איז יענע פֿאָדערונג פֿון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם וואָרט אינטערנאַציאָנאַליזם, פֿעלקער־פֿאַרברידערונג. אונדזער אייגענע אידישע געשיכטע שפּילט זיך ניט אָפּ הינטער כינעזישע מויערן, הגם אַ גוטע פּאָר הונדערט יאָר, זינט דעם גירוש פֿון שפּאַניע, זיינען מיר פֿאַרטריבן געוואָרן אין אַ ווינקל, און אונדזערע פֿאָלקס־מאַסן, ווי דאָס רוב פֿון אונדזער פֿרום־רעליגיעזער שאַפֿנדיקער אינ־טעליגענציע, זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן פֿון יעדן גייסטיקן קאָנטאַקט מיט דער זיך אַנטוויקלענדיקער פּראָגרעסיווער מענטשהייט.

מיר נעמען ווידער אויף דעם קאָנטאַקט. ניט דרויסן פון דער פּראָגרעסיוו־מענטשלעכער פעלקער־משפחה, נאָר ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער און גלייכווערטיקער ברודער אין אָט־דער משפחה, זאָלן מיר שאַפן אונדזער נייע גייסטיק־נאַציאָנאַלע היים, און זען, אַז אויך אונדזערע פאָלקס־מאַסן זאָלן גיין אַקסל אין אַקסל מיט די פּראָגרעסיווע פאָלקס־מאַסן פון דער וועלט אין דעם קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט פאַר דער מענטשהייט.

און אחרון—אחרון חביב. דער נייגטער יסוד פון אונדזער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן פּעריאָד איז דער איינזען, אַז די בעסערע צוקונפט פאַר דער מענטשהייט, ווי אויך פאַר אונדזער פאָלק אין איר, קאָן ניט געזיכערט ווערן, סיידן דאָס לעבן זאָל זיין געבויט אויף אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג, אין וועלכער עס ווערט פאַרווירקלעכט די סאָציאַלע גערעכטיקייט, דאָס ברידער־לעכע לעבן צווישן די קינדער פון דעם פאָלק, ווי אַ פאַרבאַדינג פאַר אַ פריד־לעכן און ברידערלעכן לעבן פון אַלע פעלקער אין איין משפחה פון דער מענטשהייט.

פון אָט־די אַלע וויכטיקסטע יסודות פון דעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן פּעריאָד אין אונדזער געשיכטלעכן לעבן וואַקסן ארויס גאַנץ באַשטימטע פאָדערונגען פאַר אונדזער אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער פּאָליטיק בכלל און פאַר אונדזער קולטור־פּאָליטיק בפרט.

אין דער ערשטער ליניע איז דאָס דער קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פון דעם אידישן פאָלק; פאַר זיין זיכערקייט, זיין רעכט אויף אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן און אויף אַ פרייער אַנטוויקלונג אומעטום אין אַלע זיינע וואוין־לענדער. דאָס שליסט אין זיך איין ספּעציעל דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט און גלייכבאַרעכטיקונג אומעטום, וואו אַזאַ קאַמף איז נויטיק. דאָס שליסט איין אין זיך די שטרעבונג אויפצוהויבן די חשיבות פון דעם אידישן פאָלק, פון זיין אידישער שפּראַך און זיין קולטור אין איר; זיך איינשטעלן פאַר איר כבוד און ווערט און פאַרטיידיקן זי מצד די קעגנערישע אָנפאַלן סיי פון אינעווייניק, סיי פון דרויסן. דער עיקר אָבער די פאַרטיידיקונג מצד דעם אַנטיסעמיטיזם בכלל און דעם פאַשיזם בפרט, וואָס שטרעבט צו טרעטן אין שמוץ דעם נאָמען און דעם כבוד פון אונדזער פאָלק און וואָס האָט שוין פאַרוואַנדלט אונדזער לעבן אין פיל לענדער אין אַן אמתן גיהנום.

אָבער די הויפּט־פאָדערונג פון דער פּראָגרעסיווער אידישער קולטור־פּאָליטיק איז דער העפטיקסטער, קאָנסעקווענטסטער קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַציע און אַלע אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען, דירעקטע אָדער אומ־דירעקטע. און מיט אָט־דער הויפּט־פאָדערונג איז פאַרבונדן דער אויסבוי פון קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וועלכע זאָלן אַרומנעמען

דאָס לעבן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אין איינעם מיט יענע אינטעלעקטועלע באַשאַפערישע כוחות, וואָס זיינען טריי דעם פאָלק און איבערגעגעבן דעם אידעאַל פון זיין געזיכערטער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און זיין פרייער אַנטוויקלונג: אַרומנעמען דאָס אידישע לעבן אַזוי, אַז די העכסטע אידעאַלן פון דעם מענטשלעכן פראָגרעס זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן אין פולער מאָס אין אַלע ווינקעלעך זיינע און פאַרווירקלעכט ווערן דוקא אין דער אייגענער נאַציאָנאַלער פאָרם, וואו מעגלעך לויט אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן נוסח, און וואו עס לוינט זיך, ווי אַ המשך, אַ ווייטער־אַנטוויקלונג פון יענע אַלגעמיין־מענטשלעכע פראָגרעסיווע שטרעבונגען, וואָס האָבן הינטער זיך אַ לאַנגע־לאַנגע היסטאָרישע טראַדיציע אין דער באַלד צוויי־טויזנט־יאָריקער געשיכטע אונדזערער. איך וויל דאָ נאָר דערמאָנען די סאָציאַליסטיש־אינטערנאַציאָנאַליסטישע אידעאַלן פון די בעסטע אַלטע נביאים אונדזערע און די העלדישע קאַמפן פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, אין די צייטן פון דעם צונויפשטויס מיט דעם רוימישן אימפעריאַליזם.

אָט־די אַלע פאָדערונגען און אידעאַלן האָט דער נייער פעריאָד, דער פראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער, שוין מיט באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אַוועקגעשטעלט אויף דעם סדר היום און האָט דאָ און דאָרטן, אויף איין פעלד אָדער דעם אַנדערן, שוין אויפצואווייזן גאָר באַדייטנדיקע נצחונות. זיי קאָנען אָבער ניט פאַרווירקלעכט ווערן בשלימות, סיידן עס זאָל באַשאַפן ווערן אַן אַלוועלטלעכע אידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אַריינעמען אין זיך אַלע אידישע פאָלקס־מאַסן פון אַלע זייערע וואוין־לענדער — אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אויסדריקלעך שטרעבן דערצו, אַז אַלע פאָדערונגען פון דעם אידישן פראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם זאָלן ווערן די הערשנדיקע אין דעם אידישן לעבן און שאַפן.

אָט דאָס איז די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע הויך, אויף וועלכער דער קולטור־קאָנגרעס אין פאַריז האָט זיך אַוועקגעשטעלט.

עס וועט פאַרנעמען צופיל אָרט, ווען איך וואָלט געוואָלט ברענגען אַלע טיפזיניקע און באַגייסטערנדיקע שטעלן פון די פאַרשיידענע רעדנער, אין וועלכע עס האָבן זיך קלאָר אויסגעדריקט די אויבן־אויסגערעכנטע פאָדערונגען און אויפגאַבן. דאָ וועל איך ברענגען נאָר עטלעכע ציטאַטן, אַ מעוט שבמעוט, ציטאַטן פון פאַרשיידענע רעדנער, וואָס געהערן צו די פאַרשיידנסטע ריכטונגען אין אונדזער אידישער עפנטלעכקייט. (זע ערשטע ביילאַגע.)

אָבער ניט נאָר אויף דער היסטאָרישער הויך איז געשטאַנען דער קאָנגרעס. ער איז אויך געשטאַנען אויף אַ זעלטענער הויך אין דעם אידישן עפנטלעכן לעבן; איך רוף זי אָן: די דעמאָקראַטיש־געזעלשאַפטלעכע הויך. וואָס איז איר כאַראַקטעריסטישער סימן אין אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי

אונדזערס, וואָס איז פריי פון יעדן שטאָטלעכן צוואַנג, וואו קיינער קאָן אויף קיינעם ניט אָרויפדרינגען. מיט געוואַלט זיינע צילן און אידייען? דער כאַראַקטעריסטישער סימן פון אַזאַ פרייהייטלעך־דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט־לעכקייט איז די טאָלעראַנץ פון יעדער ריכטונג צו יעדער אַנדערש־דענקענ־דיקער ריכטונג. אָט־די טאָלעראַנץ ווערט אַוועקגעלייגט, ביז צו אַ געוויסן גראַד, אויך אין דעם יסוד פון פילע דעמאָקראַטישע שטאַטן, ניט נאָר אין זייער שטאָטלעכן לעבן, וואָס איז פאַרבונדן מיט צוואַנג, מיט געבאָטן און פאַר־באָטן, וועלכע די אָרגאַנען פון דעם שטאַט דאַרפן אָפּהיטן, נאָר אויך אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואו יעדער איינער איז דער פולער באַלעבאָס אויף זיין אייגענעם אויפפיר.

וואָס פאָדערט די דאָזיקע טאָלעראַנץ? — זי פאָדערט די פולע גלייכ־באַרעכטיקונג און אָפיציעלע גלייכוועדטיקייט פון יעדער ריכטונג, דאָס פולע רעכט פון יעדן איינעם אויף זיין שכל און יושר, אויף זיינע טיפסטע איבער־צייגונגען. דאָרטן, וואו די אינטערעסן פון די פאַרשיידענע ריכטונגען שטויסן זיך צונויף, ווערט צווישן זיי געפירט דער קאַמף. דאָרטן אָבער וואו עס שטעלן זיך איין געמיינזאַמע אינטערעסן, וואו דער זעלביקער צוועק מוז, לויט זיין אייגענעם מהות, פאַרווירקלעכט ווערן מיט די זעלביקע, אָדער זייער ענלעכע מיטלען, און דער עיקר, וואו די פאַרבאַדינגען פאַר דעם זעלביקן צוועק זיינען פאַר אַלע ריכטונגען די גלייכע, פאַרבינדט מען זיך אין איינעם — און אין אָט־דער ספּערע הערט אויף דער קאַמף, און אַלע ריכטונגען שטרעבן צו דער העכסט־מעגלעכער האַרמאָניע.

אַזאַ איינשטעל פון פרייהייטלעך־דעמאָקראַטישער טאָלעראַנץ איז ניט בנמצא, אָדער זייער זעלטן, אין דעם לעבן פון דעם אידישן פאָלק. איבער דריי טויזנט יאָר האָבן מיר אָפּגעלעבט אין אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלן פּעריאָד, וואו די עקזיסטענץ גופא פון אונדזער פאָלק איז געווען פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער רעליגיעזער אמונה; ווען אין די אינטערעסן פון דעם פאָלקס־קיום איז געלעגן אין דער ערשטער ליניע אַן איינהייטלעכקייט פון גלויבן, דענקען און רעליגיעזן אויפפיר, און אַ ביטערער קאַמף אַנטקעגן אַנדערש־דענקענדיקע, וואָס גראָבן אונטער דעם יסוד פון דער איינציקער נאַציאָנאַל־דערהאַלטנדיקער קראַפט. אַזאַ לעבן האָט דערצויגן אין אונדז אַ גלוטיק־אָנגעברענטן פאַנאַטיזם לגבי די אַלערליי „אפּיקורסים", סעקטאַנטן און „אָפּ־טריניקע", וואָס ווילן צעשטערן, אָדער פאַרלאָזן די אויסגעבויטע פעסטונגען פון דער רעליגיעז־איינהייטלעכער אידישקייט. פון אָט־דעם אין אַ משך פון דורות אָנגעגליטן פאַנאַטיזם האָט זיך אונדזער אידישע נשמה ניט געקאָנט באַפרייען אין גאַנצן, אפילו ווען דער פּראָגרעסיווער אַוואַנגאַרד אונדזערער איז אַריין אין די וועלטלעכע תקופות פון דעם פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן

און דעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן פּעריאָד. מיר קאָנען נאָך עד היום ניט אויפהויבן זיך אויף דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעך־דעמאָקראַטישער הויך און אַרומשוועבן פריי אין איר, מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען.

אויף אָט־דער הויך האָבן זיך אין אונדזער צייט געקאָנט אויפהויבן נאָר יענע פעלקער, וואָס האָבן הינטער זיך הונדערטער יאָרן פון געזיכערטן, פריי־הייטלעכן לעבן: ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, שווייצאַריע, די סקאַנדינאַווישע לענדער און צפון־אַמעריקע.

דער ענין פון דעמאָקראַטישער הויך איז אַזאַ וויכטיקער גראָד פאַר אונ־דזער איינענעם אידישן וועלטלעכן פּעריאָד אין דער געשיכטע, אַז איר וועט מיר מוזן דערלויבן צו דערקלערן אים אַ ביסל לענגער מיט אַ פּאָר ביישפּילן, וואָס באַווייזן, ווי אַזוי טאָלעראַנץ אַרבעט אין דעם שטאַטלעכן און געזעל־שאַפטלעכן לעבן פון פרייע פעלקער.

קודם אַ פּאָר ביישפּילן פון ענגלאַנד: קליינינקייטן, אָבער כאַראַקטעריס־טישע. עס איז פאָרגעקומען אַ סטרייק, מיט אַ שאַרף־אויסגעשפּראָכענעם קלאַסן־כאַראַקטער. די ראָלע פון סטרייק־ברעכער האָבן גענומען אויף זיך רייכע סטודענטן, קינדער פון דער בורזשואַזיע און דער אַריסטאָקראַטיע. אין די וואָכן־טעג איז אָנגעגאַנגען דער ביידע־זייטיקער קלאַסן־קאַמף. אָבער זונ־טאָג האָבן די אַרבעטער און די סטודענטן אין איינעם געשפּילט אַ ראַגבי־שפּיל (אַזאַ מין „פוט־באָל”), פּאַרטיי אַנטקעגן פּאַרטיי.

ביי אונדז וואָלט אַזאַ זאַך ניט געקאָנט געמאָלט זיין. אויב די סטודענטן וואָלטן פאָרגעשלאָגן דאָס שפּיל, וואָלט דער ערשטער געדאַנק פון אונדזערע אַרבעטער געווען, אַז דאָס טוען זיי מיט דער כוונה אָפּצושוואַכן דאָס קלאַסן־באַוואוסטזיין פון דער אַרבעטערשאַפט און אַריינצונאַרן זי אין דעם בורזשואַזן זאַק אַריין. נאַטירלעך וואָלטן זיי ניט געוואָלט אַפילו שטיין אויף איין ברעט מיט די רייכע זינדלעך פון דער בורזשואַזיע. גאַנץ אַנדערש אין ענגלאַנד. ניט די בורזשואַזע קינדער זיינען אַזוי נאַאיוו, זיי זאָלן גלויבן, אַ מען קאָן די אַרבעטער אַריינגנאַרן דערמיט אין אַ וועלכן עס איז זאַק אַריין, ניט די אַרבעטער זיינען אַזעלכע שוטים, אַז מען זאָל ביי זיי קאָנען פאַרטונקלען דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין דורך אַ געמיינשאַפטלעכער „אַקציע” מיט דער בורזשואַזיע.

ביידע צדדים האָבן געוואָלט שפּילן אין ראַגבי. וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דעם קלאַסן־קאַמף? ראַגבי איז זייער געמיינשאַפטלעכער ציל און שפּילן ראַגבי קאָן מען נאָר מיט דעם זעלביקן נוסח, אַ גליכן פאַר ביידע קלאַסן. גייען זיי אין דעם שפּיל האַנט אין האַנט.

נאָך אַ ביישפּיל: אויף אַ באַנקעט אין לאָנדאָן, צוליב אַ וויכטיקן ציל, זיינען ביי איין טיש געזעסן דער קאָמוניסט־אַנאַרכיסט־אַטעאיסט פּעטער

קראַפּאָטקין און דער אַרצי־בישאָף פון קענטערבורי. איינער האָט אפשר גע־דאַרפט דערביי דערלאַנגען דעם אַנדערן דאָס קריגל סאָוס, צי די זאַלץ־און־פעפער. וואונדערן מיר זיך: ווי אַזוי קאָנען זיצן ביי איין טיש די צוויי פאַר־טרעטער פון אַזעלכע צוויי אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען? אָבער — פאַרוואָס ניט? דער צוועק פון דעם באַנקעט איז זיי ביידן געווען טייער, און קראָפּאָט־קין האָט ניט געקאָנט פאָדערן, אַז מען זאָל צום געבראָטנס דערלאַנגען קאָמוניסטיש־אַנאַרכיסטיש־מאַטעריאַליסטישע סאָוסן, ווי אויך דער אַרצי־בישאָף האָט דאָ ניט געקאָנט מאָנען, מען זאָל סערווירן דווקא עוואַנגעליש־עפּיסקאָפּעלישע זאַלץ־און־פעפער. די זעלביקע צילן, דערגרייכט אויף די זעלביקע וועגן, דיקטירן אַ געמיינשאַפטלעכע האַנדלונג פון פאַרשיידענע ריכטונגען און פּאַרטייען.

אויב ביידע אידיאישע שונאים האָבן גענומען אַ וואָרט אויף דעם באַנקעט, האָט מסתמא יעדערער פּאַרטיידיקט דעם געמיינשאַפטלעכן צוועק פון זיין שטאַנדפּונקט. אָבער געגאַנגען צו אים איז מען אין איינעם.

אין אַמעריקע איז די רעגירונג און די דערציאונג אָפּיציעל אַ ריין־וועלטלעכע. רעליגיע איז אויסגעשלאָסן פון ביידע. צוליב וואָס איז די רעליגיע אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דעם שטאַטלעכן לעבן, און פאַר וואָס איז די גלייכ־באַרעכטיקונג פון רעליגיע און דער רעספּעקט צו יעדן גלויבן אַ יסוד פון דער היגער דעמאָקראַטיע? — צוויי אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען האָבן גע־קאָנט זיין פאַראינטערעסירט דערין. איין ריכטונג האָט געקאָנט האָפן, אַז יעדע רעליגיע וועט זיך קאָנען בעסער און פרייער אַנטוויקלען דרויסן פון דעם שטאַטלעכן צוואַנג, וועט ממילא דער רעליגיעזער איינשטעל בכלל ווערן דער הערשנדיקער אין דעם אַמעריקאַנער לעבן. אַנדערע, ווידער, האָבן געקאָנט האָפן, אַז גראָד דורך דער גלייכבאַרעכטיקונג פון גלויבונגען וועט אָפּגע־שאַפט ווערן דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם, וועט פרייער ווערן דער וועג פאַר דעם פרייען געדאַנק, וועלן ממילא די רעליגיעס פון זיך אַליין פאַרשווינדן. ווער וויים דען, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן געטראַכט, בעת זיי האָבן אַריינ־געטראָגן אין דער קאָנסטיטוציע דעם יסוד פון פרייהייט און גלייכע רעכט פאַר אַלע אמונות? עס זיינען געווען אין יענער צייט אי אַ סך פאַרשיידענע רעליגיעזע סעקטעס, אי פריי־דענקער, אי אפילו אַטעאיסטן. אַלע האָבן פאַר זייער פאַרשיידענע אידעאַלן געהאַט נאָר איין ציל — די גלייכבאַרעכטיקונג פון די פאַרשיידענע אידייאישע ריכטונגען — און איין וועג: צו פאַרזיכערן זי אין דער קאָנסטיטוציע פון דעם לאַנד. אַרט קיינעם ניט, וואָס די פאַר־שיידענע ריכטונגען דערוואַרטן פאַרשיידענע רעזולטאַטן פון דער געמיינ־שאַפטלעכער דערגרייכונג. ווי באַלד פאַר אַלעמען שטייט איין ציל און איין פּראַקטישער וועג, וואָס פירט צו אים, גייען אין איינעם אַלע צדדים אי צו

דעם געמיינשאפטלעכן ציל, אי אויף דעם געמיינשאפטלעכן וועג, און קיין ריכטונג האט קיין מורא ניט, אז אן אנדערע וויל זי ארײנשלעפן אין א וועלכן עס איז זאק אריין.

נאך א ביישפיל: דער צווייטער און דריטער אינטערנאציאנאלער — געגנוג פיינטלעכע צדדים — האבן איינגעזען, אז זיי ביידע דארפן העלפן דער שפאנישער רעפובליק אין איר קאמף אנטקעגן פראנקאן. זיינען זיך צונויפגעקומען קאמיסיעס פון ביידע לאגערן און האבן אויסגעארבעט אלע פרטים, וואס עס דארף געטאן ווערן, און איבערגעלאזן צו יעדן אינטערנאציאנאל, ער זאל די פרטים דורכפירן אויף איין און דעם זעלביקן שטייגער, אבער יעדערער לויט זיין נוסח, בתנאי קיין צד זאל דערביי ניט שטערן דעם אנדערן.

דא האבן מיר פאר אונדז א פאל ניט פון געמיינשאפטלעכער קאאפעראציע, וואו אלע ארבעטן אין איינעם, נאר פון קאארדינאציע, וואו יעדע ריכטונג ארבעט באזונדער, אבער לויט א געמיינשאפטלעך־אנגענומענעם אפמאך.

אן ענלעכן פאל האבן מיר דא ניט לאנג געהאט אין אמעריקע, אין דער ארגאניזירונג פון א געמיינשאפטלעכן באיקאט אנטקעגן נאצי־דייטשלאנד. עס איז דא, ערשטנס, א געמיינשאפטלעכער קאמיטעט פון פארשיידענע ארגאניזאציעס, וואס שליסן אויס אידייאיש איינס דאס אנדערע, ווי דער „אמעריקאנער אידישער קאנגרעס” און דער „ארבעטער־קאמיטעט פאר אידישע ענינים”. עס זיינען דא, צווייטנס, באזונדערע ארגאניזאציעס, וואס פירן פאר זיך אויס דעם אלגעמיינעם באשלוס און עס זיינען דא, דריטנס, אומצאליקע יחידים, וואס גייען יעדערער פאר זיך אין דער זעלביקער ליניע פון דעם אלגעמיינעם באיקאט.

נאך א מאל, וואו עס זיינען פאראן געמיינשאפטלעכע צילן, צו וועלכע אלע ריכטונגען מוזן גיין אויף דעם זעלביקן וועג — ווי צ. ב., אין דעם באפרייאונגס־קריג פון א פאלק — רעכנט מען זיך לחלוטין ניט מיט די פארשיידענע ריכטונגען. אין אט־דעם פאל הערשט די פאראייניקונג און די פולסטע הארמאניע. וואו די געמיינשאפטלעכע צילן קאנען דערגרייכט ווערן אויף ענלעכע, פאראלעל־לויפנדיקע וועגן, אבער מיט פארשיידענע נוסחאות און פארשיידענע אידייאישע איינשטעלונגען, שטרעבט מען דורכצופירן די קאארדינאציע פון די פארשיידענע כוחות.

דאס אלץ זיינען טאג־טעגלעכע דערשיינונגען אין די לענדער, וואס שטייען אויף דער פאליטישער און געזעלשאפטלעכער דעמאקראטישער הויך, מיט איר גרונט־פרינציפ: די טאלעראנץ און די גלייכבארעכטיקונג פון אלע ריכטונגען אין דעם עפנטלעכן לעבן. ביי די קינדער פון יענע פעלקער איז די טאלעראנץ שוין אריין אין פלייש און בלוט. ביי אונדז, ווען מען רעדט וועגן

אַט־דער גלייכבאַרעכטיקונג און אַט־דער טאָלעראַנץ צו דעם אידייאישן קעגנער, הויבט ערשט אָן אויפצוקאָכן די בלוט אין פאַנאַטישן צאָרן.

צו דעם אבסאָלוט־נייעם איינשטעל, דער טאָלעראַנץ, האָט אַ אידישער קאָנגרעס זיך דערהויבן צום ערשטן מאָל אין אונדזער גאַנצער געשיכטע ערשט אויף דעם קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, אויף וועלכן עס האָבן גענומען אַן אָנטייל אָנהענגער פון אַזוי פיל פאַרשיידענע און אַנטקעגנגעזעצטע ריכ־טונגען, און וואו אַלע האָבן אי געפונען דעם געמיינשאַפטלעכן לשון און די געמיינשאַפטלעכע צילן און וועגן, אי אויסגעאַרבעט דעם געמיינשאַפטלעכן אינסטרומענט, וואָס דאַרף זיי פאַרווירקלעכן.

אויך דאָ וועט איר מיר דערלויבן צו ברענגען אַ פּאָר שטעלן פון די רעדעס, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם ענין. (זע צווייטע ביילאַגע.)

און נאָך אויף אַ דריטער הויך איז געשטאַנען דער קאָנגרעס: דער הויך פון דער אידישער לעבנס־נויט אין אונדזער צייט.

איך דאַרף אייך דאָ ניט שילדערן די אומגעהויער שווערע גיהנום־לאַגע, אין וועלכער אונדזער פאָלק, ווי אַ פאָלק, געפינט זיך אין אַלע מזרח־איראָ־פּיאישע לענדער — אַ חוץ דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר שטעלן זיך אויך ניט אָפּ אויף די שטורעם־וואָלקנס, וואָס פּלעגן זיך אויסלאָדן פון צייט צו צייט אין ארץ־ישראל און אויף די שווערע געוויטער־וואָלקנס, וואָס הענגען איבער אונדזער קעפּ — דאָ און דאָרטן — כמעט אומעטום, אין די אידישע וואוין־לענדער, און אויך דאָ אין אַמעריקע. ווער רעדט שוין וועגן יענעם גיהנום, וועלכן היטלער האָט איצטער פאַנאַנדערגעפּלאַקערט פאַר אונדז אין אַלע לענדער, וואָס זיינען איצטער (1941) פאַרשקלאַפט געוואָרן פון זיינע באַרבאַרישע חיילות!

פאַרגלייכט מען די דאָזיקע לאַגע מיט די איצטיקע מיטלען, וואָס דאָס רוב אונדזערע הערשנדיקע פּאַרטייען און ריכטונגען שלאָגן פאָר, מוז מען ווערן פאַרפּלעפט, ווי ווייניק זיי אַלע מיט זייערע איינשטעלן זיינען דערוואַקסן צו דער הויך פון דער אידישער לעבנס־נויט.

קליינע גרופּקעלעך מענטשן רעדן אין דעם נאָמען פון דעם אידישן פאָלק, בעת די פאָלקס־מאַסן אליין זיינען אָדער פאַרזונקען אין אַפּהענטיקייט און יאוש, ווי אין די מזרח־איראָפּיאישע לענדער, אָדער אין דעם אינדיפערענ־טיזם, אין אַן אַבסאָלוטן גלייכגילט צו דעם גורל פון דעם פאָלק, פון וועלכן עס הענגט אין דער לעצטער ליניע אָפּ דער גורל כמעט פון יעדן איינצלנעם אידן.

אַפילו יענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַרימען זיך, אַז הינטער זיי „שטייען מיליאָנען" — ווי דער היגער „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס", צ. ב. — ווייסן אַליין זייער גוט מיט וואָס פאַר אַן אַריפמעטיק די מיליאָנען זיינען

צונויפגעצײלט געוואָרן. און אויב הינטער זײ שטײען טאַקע מיליאָנען, דאַרף מען דאָס פאַרשטײן אין דעם בוכשטעבלעכן זין פון דעם וואָרט: זײ „שטײען“, זײ רירן זיך ניט פון אָרט. זײ שטײען פאַרגליווערטע, אָדער אין אַפּאַטיע און גלײכגילט, אָדער אין יאוש און אָפּהענטיקן צער.

וואָס איז דער מער דערמיט? — אַ זײער טרויעריקע מער. דער ענין דערפון איז אַ טאָפּלטער: אײנמאָל דאַרף מען האָבן אין אויג דעם פאַקט, אַז די פּאָליטיק אין דעם באַפרײאונגס־קאַמף, צי אין דעם רעטונגס־קאַמף פון אַ פאָלק הענגט צו אַ גרויסן טײל אָפּ פון זײנע פירער, פון זײן אינטעליגענציע. אונדזער פאָלק האָט גראָד אין דעם נײנצענטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַרויסגעבראַכט ערשט־קלאַסיקע דענקער, פּאָליטיקער, אָרגאַניזאַטאָרן און פירנדיקע גײסטער אויף אַלע פעלדער פון דער מענטשלעכער קולטור און פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָבער אָט־די אינטעליגענציע איז אויסגעוואַקסן אין דעם פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן פּעריאָד. זי האָט אַ לאַנגע צײט זיך גאָר ניט גערעכנט פאַר קינדער פון דעם אידישן פאָלק. און ווען די היטלעריסטישע בײטשן האָבן זי איצטער אומעטום גענומען טרײבן צוריק צום פאָלק, ווײס זי ניט, די אַסימילירטע אינטעליגענציע, אויף וואָסער וועלט זי איז, אויף דער אידישער, צי דער ניט־אידישער. און אַזוי איז דאָס אויך מיט אונדזער אַסימילירטער יוגנט. ווען די אינטעליגענציע אָדער די יוגנט דערשפּירט אונטער די האַמער־קלעפּ פון דעם לעבן דעם דראַנג זיך צו סאָלידאַריזירן מיט דעם גורל פון דעם פאָלק און צו אַרבעטן פאַר זײן באַפרײאונג, האָבן ניט זײ בײדע — ניט די אינטעליגענציע, ניט די יוגנט — קײן אײגענע שטעלונג צו די מאַוימדיק־שווערע פּראָבלעמען פון אונדזער לעבן און כאַפּן זיך אַרויף אויף יענע וועגנער, וואָס טראָגן זיך אָפּט מיט אַזאַ געפּילדער איבער דער אידישער גאַס, וואָס הײבן אויף אַזוי פיל שטויב אויף איר, קאָנען אָבער ניט שלעפּן די גרויסע פאָלקס־מאַסן מיט זיך אין דער אָדער יענער ריכטונג.

און דאָ קומען מיר צו דער צווײטער זײט פון דער זעלביקער טרויעריקער מער: אונדזערע פאָלקס־מאַסן זײנען בדרך כלל פּאַקטיש אויסגעשלאָסן פון אַ באַוואוסטזיניקן נאַציאָנאַל־אידישן לעבן, טײלס מחמת עס הערשט נאָך אַלץ אַ שפּראַך־מחיצה צווישן דער פירנדיקער אינטעליגענציע און די גרויסע פאָלקס־מאַסן, טײלס ווײל זײ אַלײן שטײען נאָך אויף אַ צו־נידעריקן קולטור־מעמד. זײ דאַרפן זיך נאָך אויפהויבן צו יענער הויך, וואָס איז דער ווײכטיקסטער פאָרבאַדינג פאַר אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן באַוואוסטזײן.

עס איז אַ פאַקט, אַז גוטע אַכציק פּראָצענט פון דעם אידישן פאָלק שטײען אונטער דער שליטה פון דעם אָרטאָדאָקס־רעליגיעזן גלויבן און געפינען זיך נאָך דעריבער אין דעם פרום־נאַציאָנאַלן פּעריאָד פון אונדזער היס־

טאָרישער אַנטוויקלונג. ווי דעגענערירט די אידישע רעליגיע זאָל איצטער ניט זיין אין אַזוינע לענדער, ווי אַמעריקע און מערב־אייראָפּע, וואו זי דריקט זיך אויס נאָר אין אַ געוויסן פאַרקריפּלטן לעבנס־שטייגער און אין דעם פּחד פאַר די ימים־נוראים — דער עיקר פאַר דעם יום־כיפּור, ווען דער אויבערשטער דאַרף אָנשרייבן אַ „קוויטל״ פאַר דעם נייעם יאָר — גלויבן פאָרט אַלע רעליגיעזע אידן אין איינעם, אַז דער גורל פון דעם איינצלנעם אידן און פון דעם גאַנצן פאָלק ליגט נאָר אין דעם אויבערשטנס הענט, און אַז זיי אַליין קאָנען ניט איבערנעמען אונדזער נאַציאָנאַל־היסטאָרישן גורל אין זייערע אייגענע הענט, און זאָל דאָס זיין מיט גאָטס הילף.

די היסטאָרישע לעבנס־נויט פון אונדזער צייט טרייבט אָבער דערצו, אַז גראָד די גרויסע אידישע פאָלקס־מאַסן איבער גאָר דער וועלט זאָלן איבער־נעמען אונדזער היסטאָרישן גורל אין זייערע אייגענע הענט. זיי זאָלן ווערן די בויער און שאַפער פון דער אידישער היסטאָרישער אַנטוויקלונג און ניט זיין די געטריבענע פון בלינדע קרעפטן, וואָס ליגן דרויסן פון זיי.

אויפהויבן די פאָלקס־מאַסן צו זייער נאַציאָנאַל־היסטאָרישן באַוואוסט־זיין, זיי זאָלן ווערן דער הערשנדיקער היסטאָרישער כוח אין אונדזער ווייטער־דיקער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג, קאָן מען, אין דעם איצטיקן פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן פּעריאָד פון אונדזער געשיכטע, נאָר דעמאָלט, ווען אונדזער מאָדערנע וועלטלעכע קולטור אין דער שפּראַך פון דער גרעסטער מאַיאָריטעט פון אונדזער פאָלק, אין אידיש, וועט אַריינדרינגען טיף אין די פאָלקס־מאַסן, וועט הויבן זייער מענטשלעכן באַוואוסטזיין און אויך שטאַרקן דעם געפיל פון אַל־אידישער סאָלידאַריטעט, אַ דאַנק אַ געמיינשאַפטלעכן לעבן אין איין־איינציקער גייסטיק־נאַציאָנאַלער היים, און אַ דאַנק אַ טרייער איבערגעגעבנ־קייט צו איר אַנטוויקלונג, צו איר געשטייגערטער חשיבות סיי אין די אייגענע אויגן, סיי אין די אויגן פון די אַנדערע קולטור־פעלקער.

מאַכן די פאָלקס־מאַסן פאַר דעם בויער פון דעם אידישן היסטאָרישן גורל, שטרעבן דערצו, אַז פון זיי גופא זאָלן אויסוואַקסן פירנדיקע גייסטער, וואָס ווייסן אויף וואָסער וועלט זיי זיינען — דאָס איז דער דרינגענדיקער באַפעל פון אונדזער צייט, און אויף דער הויך פון דער צייט־היסטאָרישער נויט איז געשטאַנען דער קאָנגרעס. אויך אין דעם פּרט וועל איך מיר דערלויבן נאָר אַ פּאָר וויכטיקע ציטאַטן. (זע דריטע ביילאַגע.)

האָט מען אין אויג, אַז דער קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז איז געשטאַנען סיי אויף דער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער, סיי אויף אונדזער צייט־היסטאָרישער, סיי אויף דער געזעלשאַפטלעך־דעמאָקראַטישער הויך, קאָן שוין קיינעם ניט פאַרוואונדערן, וואָס אַזויפיל חשובע אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און ריכטונגען זיינען געבליבן דרויסן און האָבן דערוויל געמוזט בלייבן דרויסן.

זאָלן זיי אַלע, סיי די אָרגאַניזאַציעס, סיי די יחידים, אויף מיר קיין פּאַראיבל ניט האָבן, אָבער עס מוז געזאָגט ווערן דער ריינער אמת וועגן זיי, אַז זיי זיינען צו יענע הויכן נאָך ניט דערוואַקסן.

אדרבה, לאָמיר מאַכן אַ ראשן חשבון.

נעמט קודם־כל די אָרטאָדאָקס־פרומע אידישע וועלט. ניט נאָר אידן האָבן אַזאַ וועלט. ביי אַלע פּראָגרעסיווע פעלקער זיינען די רעליגיעז־גלויביקע די מאַיאָריטעט. אָבער וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד הערשט צווישן דעם פרומען אידן און, זאָגן מיר, דעם פרומען קאַטאָליק, אין זייער שטעלונג צו דער ריין־וועלטלעכער קולטור! נעמט דעם באַרימטן אַסטראָנאָם, דעם אַבאַט מיניאָ. ער איז געווען פלאַקן־פרום. אָבער אין דער אַסטראָנאָמיע איז ער געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער פּראָגרעסיווער וויסנשאַפט. ביי די געבילדעטע, שטרענג־רעליגיעזע מענטשן פון אַלע פּראָגרעסיווע פעלקער הערשט אַ געוואַלטיקע ליבע צו זייערע קלאַסיקער, צו די באַשאַפער פון זייער וועלטלעכער קולטור. געטע איז טייער אפילו דעם אָרטאָדאָקסישסטן קאַטאָליק אין דייטשלאַנד, און געטע איז דאָך געווען נאָר אַ גרויסער פריי־גייסט. אַ פריי־גייסט איז אויך געווען שעקספּיר, אָבער וועלכער געבילדעטער ענגלענדער איז ניט שטאָלץ אויף אים? און פּושקין — דער ערצי־אפּיקורס און פרייער גייסט! ניט נאָר די רוסן אין סאָוועטנלאַנד באַטראַכטן אים פאַר דער פאַר־קערפּערונג פון דעם רוסישן גייסט. אויך פאַר די פּראַוואָסלאַווניע רוסישע גלחים איז פּושקין אַ האַלבער גאָט.

קאָנט איר זיך פאָרשטעלן אַזוינס ביי אונדזער פרום־אידישער וועלט? ווער פון זיי האָט אַ ברעקל יראת הרוממות פאַר אונדזערע אַלמענטשלעך־אידישע פריי־גייסטער אין אונדזער ליטעראַטור, פאַר אַ י. ל. פּרץ אָדער אַ יהואש, צום ביישפּיל?

אונדזער פרום־אָרטאָדאָקסישע וועלט איז נאָך ניט דערוואַקסן צו אַזאַ הויך. זי איז נאָך דורך־און־דורך מיטלאַלטערלעך, דורך־און־דורך קלעריקאַל, דורך־און־דורך פרום־נאַציאָנאַל. מילא, די וועלטלעכע קולטור, די אַלע פאַר־שיידענע קענטעניש, וואָס מען דאַרף האָבן אין דער איצטיקער צייט, סיי צוליב מסחר, סיי צוליב אַ קאַריערע, סיי צוליב אַ שידוך אפשר — מיט אָט־דער טרויעריקער נויטווענדיקייט האָט זיך דאָס רוב אירע אויסגעוואוינט. אָבער פאַר דער וועלטלעכער קולטור, דערויף זיינען דאָך פאַראַן די גויאישע „שקאָלעס". אַ אידישע דערציאונג זאָל זיך פאַרנעמען דערמיט? — אַ אידישע דערציאונג דאַרף זיין אַ ריין־רעליגיעז־שולחן־ערוכדיקע און ניט קיין אַנדערע! — אַזוי וויל אונדזער אָרטאָדאָקסיע!

וואָלט די אידישע אָרטאָדאָקסיע געשטאַנען אויף דער זעלביקער הויך, אויף וועלכער עס שטייען די רעליגיעזע קרייזן ביי די פּראָגרעסיווע פעלקער,

וואָלטן זיי געמוזט גיין צו דעם פאַריזער קאָנגרעס, וואָס האָט גראָד גרייטעך געוואָלט זיי האָבן דאָרטן, כדי אין איינעם אויסצובויען די נויטיקע פאָרבאַדינגונגען פאַר אַלעמענס פרייער אַנטוויקלונג. זיי וואָלטן איינגעזען, אַז דער קאַמף אַנטקעגן דעם אַנטיסעמיטיזם איז ענג פאַרבונדן מיט דעם קאַמף פאַר דער חשיבות פון דעם אידישן פאָלק אין די אויגן פון די אַנדערע פעלקער, און אַז אָט־די חשיבות הענגט צו אַ גאָר גרויסן טייל אָפּ פון יענע נצחונות, וועלכע דאָס פאָלק ברענגט אַרויס אויף די פעלדער פון דער אַלמענטשלעכער, וועלטלעך־גייסטיקער קולטור. ווען מיר וואָלטן געהאַט אייגענע אידישע אוניווערזיטעטן, וואָס וואָלטן אין דער אידישער קולטור־ספערע אַרויסגעבראַכט נייע איינשטיינס אָדער אַ נייעם דר. הערץ — אָט־דער, וואָס האָט וויסנשאַפטלעך מעגלעך געמאַכט דעם מאַרקאָני־טעלעגראַף — וואָס וואָלט דאָס געהאַט צו טאָן מיט דער אָדער יענער רעליגיעזער ריכטונג, און ווענען וואָלט דאָס געאַרט, צי ער דאַוונט אַלע טאָג אין אַ טלית און תפילין — ווי דאָס פלעגט טאָן דער גרויסער אונגאַריש־אידישער געלערנטער איגנאַץ גאָלדציער — אָדער ער איז, ניט צו דער נאַכט גערעדט, אַן אַטעאיסט.

איצטער ווערן די הערצס און די איינשטיינס, און די גאָלדציערס און די פרוידוס און די בערגסאָנס, און די . . . און די . . . און די . . . פאַרשריבן ניט אויף דעם חשבון פון דעם אידישן פאָלק, נאָר אויף דעם חשבון פון די פאַרשיידענע ניט־אידישע קולטור־ספערעס.

אָדער נעמט דעם קאַמף אַנטקעגן אַסימילאַציע. מוז ניט די אידישע פרומע וועלט זיין פונקט אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אים, ווי מיר אַליין? שטעלט אייך פאָר, אַז אַן אַלטוועלטלעך־אידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע וואָלט אויפגעהויבן אַ באַוועגונג, מען זאָל אין די אַלגעמיינע פאָלקסשולן, מיטלשולן און אוניווערזיטעטן איינפירן די לימודים פון דער אידישער שפראַך, דער אידישער ליטעראַטור און דער אידישער געשיכטע. זאָל זיין, אַז אָט־די באַוועגונג וואָלט געשטרעבט צו דערגרייכן איר ציל מיט פעטיציעס צו די נוגעדיקע אינסטאַנצן. וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דער אָדער יענער אידייאישער ריכטונג? פאַרוואָס זאָלן פרומע אידן ניט נעמען קיין אָנטייל אין אָט־דער באַוועגונג?

אָדער נעמט דעם בוי פון אייגענע אידישע בילדונגס־אַנשטאַלטן. וואָלט דען ניט געקאָנט זיין אַן אַלגעמיין־אידישער בילדונגס־פאָנד, צי אַ ריין־פרייוויליקער, צי מיט סובסידיעס פון די מוניציפאַליטעטן? די סומען פון אָט־דעם פאָנד וואָלטן געקאָנט צוגעטיילט ווערן צו יעדער שול־סיסטעם מיט אידיש ווי די לערן־שפראַך, דער רעליגיעזן ווער דער פרייזיניקער, לויט דער צאָל פון די תלמידים אין דער אָדער יענער סיסטעם.

און דאַרפן דען די פרומע אידן זיין אין גאַנצן אינדיפערענט צו דעם

גורל פון דעם אידישן טעאַטער, צי דעם אידישן פּילם, צי די אידישע ראַדיאָ־שטונדן? איז זיי טאַקע ניהא, וואָס די מאַסן־פּראָדוקציע אין דעם געשפּילטן אידישן וואָרט אָדער ליד זאָל שטיין אויף אַ מאָראַליש נידעריקער, שיר ניט הפקרדיקער מדרגה? פאַר וואָס וואָלטן זיי ניט געקאָנט אַרבעטן אין אַן אַל־וועלטלעכן פאַרבאַנד אין איינעם מיט אונדז, כדי צו הויבן די גייסטיקע מדרגה פון דעם געשפּילטן און געזונגענעם אידישן וואָרט?

און וואָס איז מכוח די נאַציאָנאַלע רעכט פון די פרומע אידן, זייער שפּראַך, זייער אידיש, זאָל אָנערקענט ווערן, ווי גלייכבארעכטיקט מיט אַלע אַנדערע שפּראַכן אין דעם געריכט, אין דער פאַרוואַלטונג, אין דער געזעצ־געבונג — דער עיקר אין די מזרח־אייראָפּייאישע לענדער? און וואָס איז מכוח דער אַנטיסעמיטישער דיסקרימינאַציע אַנטקעגן אידיש אין אייניקע דרום־אַמעריקאַנישע לענדער, וואו מען לאָזט נאָר אַריין אימיגראַנטן, וואָס זיינען אַלפאַבעטיש אין וועלכער שפּראַך איר ווילט, אָבער אידיש ווערט אויס־געשלאָסן פון דעם שפּראַכן־רייסטער? און וואָס איז מיט דער פאַשיסטישער רדיפה אויף אידיש אין רומעניע, וואו מען אַרעסטירט אידן, פאַר וואָס זיי רעדן אידיש אויף דער גאַס? נויטיקט זיך דען ניט דער קאַמף אַנטקעגן פאַר־פאָלגונגען אויף אידיש אין אַ געמיינשאַפטלעכן קאַמף־אָרגאַן פאַר אַלע אידן? איז אָט־דער קאַמף, געשטיצט פון אַ שטאַרקער אַלוועלטלעך־אידישער קולטור־און שפּראַך־אָרגאַניזאַציע — טאַקע אַ גלייכגילטיקער ענין פאַר די פרומע אידישע מאַסן?

יאָ, ליידער אַ גלייכגילטיקער, אויב ניט אַ פיינטלעכער. ווייל די אידיש־פרומע וועלט שטעקט נאָך אין אַ גייסטיקן צושטאַנד פון אַ גוטע זיבן הונדערט יאָר הינטער אונדז. זי טאָר נאָך ניט זיצן ביי איין טיש מיט „אפּיקורסים", ווען עס רעדט זיך וועגן קולטור־ענינים. זי איז נאָך ניט דערוואַקסן צו דער נויטיקער הויך פון אַזאַ קולטור־קאָנגרעס, און דערפאַר איז זי ניט געקומען צו אים, צו דעם גרעסטן באַדויערן גראַד פון דעם ראַדיקאַל־לינקן פליגל אין אונדזער עפנטלעכקייט.

פון דער פרום־נאַציאָנאַלער וועלט גייען מיר אַריבער צו דער פּראָ־גרעסיוו־אַסימילאַטאָרישער, אין אירע פאַרשיידנסטע לאַגערן. אַז זיי זיינען ניט געקומען צום קאָנגרעס איז באמת קיין חידוש ניט. איז דאָך דער קאָנגרעס געשטאַנען אויף דער הויך פון דעם שטרענג־אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַל־אידישן שטאַנדפּונקט! און וויפיל אַזעלכע אַסימילאַטאָרן מכל המינים האָבן מיר נאָך אי אין דעם היגן „אַרבעטער־רינג", אין אין די „אידיש־שפּרעכנדיקע" ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און פּאַרטייען!

עס האָבן געמוזט פעלן אויף דעם קאָנגרעס אויך די אָנהענגער פון דעם איינזייטיקן העברייאישיזם און פון יענעם ציוניזם, וועלכן איך רוף אָן

אסימיליא־צ־וניזם. זיי, אט־די אלע „אנטי־גלותיסטן״, וואלטן געוואלט פטור ווערן פון דער הויפט־זייל, אויף וועלכער עס האלט זיך דער קאמף אנטקעגן אסימילאציע. זיי קוקן פיינטלעך אויף דער אנטוויקלונג פון אן אייגענער גייסטיק־נאציאנאלער היים אין דער אידישער שפראך־ספערע. פיל פון זיי וואלטן דאך באטראכט פאר א גליק, ווען אידיש וואלט אין גאנצן פארשוואונדן פון דעם פאלקס ליפן. ווי אזוי וואלטן זיי געקאנט סימפאטיזירן מיט אונדזערע שטרעבונגען און העלפן אויסבויען יענע מאכט, וואס שניידט אונטער די ווארצלען פון זייער איינזייטיק־העברייאישיסטישן אידעאל?

און איצטער — די בונדיסטן פון דעם אלטן חדר, אדער, ווי איך רוף זיי אן: די „זקני־בונד״. פאר זיי עקזיסטירט דאך ניט אפיציעל קיין אלוועלט־לעך־אידיש פאלק. זיי קעמפן נאך עד היום אנטקעגן אן אלגעמיין־נאציאנאל־אידישן צוגאנג צו יענע פראבלעמען, וואס זיינען געמיינשאפטלעך פאר אלע אידישע קינדער, צו וועלכן קלאס און צו וועלכער ריכטונג זיי זאלן ניט געהערן.

די שארפסטע קריטיק פון אונדזער קאנגרעס האט ש. מענדעלסאן, דער אויך ביי אונדז דא אין לאנד גוט־באקאנטער זייער חשובער טוער פון דער פויל־ישער ציש״א, פארעפנטלעכט אין דער בונדיסטישער „נייע פאלקס־צייטונג״. איז—וועלכע באשולדיקונגען שלײדערט ער אונדז אין פנים אריין, מיט אזא פלאמיקן גרימצארן? ער באשולדיקט אונדז דערין, וואס דער קאנגרעס האט זיך אוועקגעשטעלט אויף דעם אזוי־גערופענעם כל־ישראל־שטאנדפונקט, וואס ער שטרעבט צו פאראייניקן אלע קרייזן פון די אידישע פאלקס־מאסן און פון אונדזער אינטעליגענציע ארום דעם אויסבוי פון א העכערער קולטור־ספערע אין אידיש! און מיט א באזונדערער גיפטיקייט רייבט ער אונדז אונטערן נאז דעם גרויסן חטא, וואס מיר ווילן אויך די ארטאדאקסיש־אידישע קרייזן צוציען צו דער זעלביקער ארבעט. ער פארגעסט, אז די ארטאדאקסישע אידישקייט שטעלט מיט זיך פאר ניט ווייניקער ווי גוטע אכציק פראצענט פון אונדזער פאלק; אז אונדזער אויפגאבע מוז זיין אריינצוטראגן די וועלטלעכע קולטור אויך אין אט־די גרויסע פאלקס־מאסן, ארויסשלעפן זיי פון יענעם מיטלאלטערלעכן מעמד, אין וועלכן עס געפינט זיך נאך די אידישע ארטא־דאקסיע, וואס איז, ווי מיר האבן פריער געזען, געבליבן הינטערשטעליק מיט עטלעכע הונדערט יאר, אין פארגלייך מיט די פרום־רעליגיעזע קרייזן פון אלע אנדערע פעלקער.

עס ווייזט אויס, אז די בונדיסטן פון אט־דעם קאליבער קאנען זיך נאך עד היום ניט באפרייען פון דעם אלטן, לאנג אין דער ווירקלעכקייט אריבער־געלעבטן פאזיס, ווען פאר דעם בונדיסט האט „אידיש פאלק״ באדייט דער אידיש־רעדנדיקער פראלעטאריאט פון אט־דעם געגעבענעם פאליטישן שטאט און אז די געשיכטע און די קולטורעלע אנטוויקלונג פון אט־דעם אידישן

פאָלק הויבט זיך אָן מיט דעם אויפקום פון דער אידישער פּראָלעטאַריש־רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג.

און וויפיל אַזעלכע „זקני בונד", אָדער, אויב איר ווילט, בונדיסטישע „חסידים הראשונים", האָבן מיר נאָך אין דעם היגן „אַרבעטער־רינג", ווי אויך אין אַ סך אַנדערע, אַפילו גאַנץ „לינקיסטישע" גרופּירונגען!

ווי האָבן די בונדיסטן פון אַט־דעם מין געקאָנט זיין סימפּאַטיש צו אַ קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז לויט זיין עצם מהות אַ שאַרפער פּראָטעסט אַנט־קעגן אַט־דער אַלטער ראַדיקאַלער ראַדיקאַלער אַרבעטערשאַפט; צו אַ קאָנגרעס, וואָס האָט מיט זיין עצם עקזיסטענץ געמוזט דעמאָנסטרירן אי די אַלוועלטלעכקייט, אי די אַל־פּאַרטייאישקייט פון דער קולטור־ספערע אין אידיש און נאָך דערצו זיך ניט אָפּשטעלן פאַר דער שאַנד־און־חרפּה און פאַר דעם קאָלאָסאַלן פאַרברעכן, צו דערקלערן עפנטלעך, אַז אַט־די קולטור־ספערע איז אַ היסטאָרישער המשך פון אַלע פריערדיקע אידישע דורות און פון אַלע זיינע קולטורעלע דערגרייכונגען!

עס האָבן אויך געמוזט פעלן אויף דעם קאָנגרעס אַלע יענע קולטור־טוער, פאַראיינען, אָרגאַניזאַציעס און ריכטונגען, וואָס זיינען ניט דערוואַקסן צו יענער געזעלשאַפטלעך־דעמאָקראַטישער הויך, אויף וועלכער עס שטייען אַלע מאָדערנע פּראָגרעסיווע פעלקער — דער עיקר, ווען עס רעדט זיך וועגן דעם היסטאָרישן גורל פון דעם גאַנצן פאָלק און נאָך ספּעציעלער — וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער אייגענער קולטור־ספערע אין אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן נוסח פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור און אין אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לשון.

דאָס רוב פון אונדזערע קולטור־טוער פון אַלע ריכטונגען קאָנען זיך נאָך ניט באַפרייען פון דער אויבן־דערמאָנטער גייסטיקער און פּסיכאָלאָגישער ירושה, וואָס איז צו אונדז איבערגעגאַנגען פון דעם פרום־נאַציאָנאַלן פעריאָד. זיי זיינען נאָך אַלץ דעם רבונו־של־עולמס קאָזאַקן, וואָס דאַרפן אָפּהיטן ריין די געבאָטן פון דער אָדער יענער הייליקער תורה, און וואָס דאַרפן קודם־כל אויסהיטן דעם באַפעל פון „ובערת הרע מקרביך" (זאָלסט אויסראַמען דאָס שלעכטס פון דיין מיט) און פון „מכשפה לא תחיה" („אַ מכשפה טאָרסטו ניט לאָזן לעבן").

די גאָר אַלטע אידן פון דער ביבלישער צייט האָבן דערצו געהאַט די מיטלען פון „סקילה, שריפה, הרג וחנק" — פאַרשטיינען, פאַרברענען, דער־הרגענען, דערווערגן! אין די שפּעטערע צייטן האָבן דעם רבונו־של־עולמס קאָזאַקן זיך געמוזט באַנוגענען מיט דעם אומ־בלוטיקן מיטל פון דעם חרם. און ווער האָט ניט וועמען אַריינגעוואָרפן אין דעם „חרם" אַריין! די תלמודישע אידן — די קאַראַאימען און אַלע אַנדערע תלמודיש ניט גאָר

בשרע סעקטן ; שפּעטער האָט די סינאַגאָגע אַריינגעוואָרפן אין חרם אַזעלכע וועלט־באַרימטע פריידענקער, ווי אוריאל אַקאָסטאַ און ספּינאָזאַ. נאָך שפּעטער האָבן מיט חרמים געקעמפט איינע אַנטקעגן די אַנדערע די חסידים מיט די מתנגדים און די חסידישע הויפן צווישן זיך. און וויפיל רדיפות, מסירות, דירעקטע ניט־געשטויגענע בלבולים און מאָראַלישע פאַרברעכנס האָבן, צ. ב., די מתנגדים באַגאַנגען אין זייער קאַמף אַנטקעגן דער אויפקומענדיקער חסידות און שפּעטער די גאַנצע פרומע וועלט אַנטקעגן דער אויפקומענדיקער אַפּיקורסות אין דעם השכלה־פּעריאָד ! און מיט וויפיל פאַרברעכנס האָבן אונדזערע משכילים, געשטיצט אויף דער הילף פון דער רעגירונג, געפירט זייער קאַמף אַנטקעגן די „פאַנאַטיקער" און די „פינסטערלינגען" !

יאָ, אַ גאָר שווערע ירושה־לאַסט דריקט אויף אונדזערע נשמות, אַריבערגענומען נאָך פון יענער צייט, ווען מיר האָבן ניט געוואָלט באַטראַכטן זיך, ווי אַ פשוט פאָלק, וואָס דאַרף דורכפירן זיינע לעבנס־אויפגאַבן און באַפרידיקן זיינע מענטשלעכע לעבנס־נויטן, ווי אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. די שווערע ירושה שטאַמט נאָך פון יענער צייט, ווען מיר האָבן געגלויבט, אַז מיר זיינען אַן אויסדערוויילט פאָלק, אַ „ממלכת כהנים", אַ פּריסטער־ממשלה, וואָס האָט דעם איינציקן רעכטן גלויבן, די איין־איינציקע ריכטיקע תורה און דעם איין־איינציקן אַבסאָלוטן אמת און יושר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און וואָס זיין חוב איז — אַריינצוואַרפן אין חרם אַלע יענע, וואָס האָבן די העזה צו גלויבן אין אַן אַנדער תורה, און האָבן אַן אַנדער בליק אויף דעם אמת און דעם יושר !

און אָט־די שווערע פּסיכאָלאָגישע ירושה־לאַסט דריקט אויך אויף אַ סך נשמות פון אונדזער ראַדיקאַלן לאַגער און פון אונדזערע ראַדיקאַלע קולטור־טוער.

דאָס מאָל ווערן אין חרם אַריינגעוואָרפן די קאָמוניסטישע ריכטונגען און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. איך בין ניט קיין קאָמוניסט. איך גיי זיך שאַרף פאַנאַנדער מיט דער קאָמוניסטישער ריכטונג סיי אין די פּראָבלעמען פון דעם אַלגעמיינעם וועלט־באַטראַכט, סיי אין די פּראָבלעמען פון דעם דירעקטן סאָציאַליסטישן בוי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, סיי אין די פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציאָנערער מאָראַל. אָבער איך לאָז קיינמאָל ניט אַרויס פון אויג, אַז די אידישע קאָמוניסטן און די וואָס סימפּאַטיזירן מיט זיי ציילן אין די צענדליקער אויב ניט אין די הונדערטער טויזנטער איבער גאָר דער אידישער וועלט ; אַז די קאָמוניסטישע ריכטונג האָט אַ גרויסע און חשובע אינטעליגענציע, וואָס שטייט בדרך כלל ניט הינטער און ניט אונטער דער אינטעליגענציע פון יעדער אַנדער ריכטונג ; אַז סיי די קאָמוניסטישע מאַסן, סיי דאָס רוב פון דער אינטעליגענציע זיינען פון דעם זעלביקן אידישן טייג

געקנאַטן, וואָס אַלע אַנדערע ניט־קאָמוניסטן ; אַז זיי האָבן זייער אייגענעם דרך אין די פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציאָנערער מאָראַל און אַז זייער הויכן מענטשלעך־מאָראַלישן כאַראַקטער האָבן זיי ניט איינמאָל באַוויזן דורך דער העכסטער פּראָבע, דורך וועלכער אַ מאָראַל קאָן באַווייזן איר ווערט — דורך די פּרייוויליקע קרבנות, אָפּט אויך מסירת־נפשדיקע, וואָס אירע אָנהענגער ברענגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זייערע אידעאַלן, פון זייער דרך, פון זייער גלויבן, ווי אַזוי צו ברענגען די פולע סאָציאַלע באַפרייאונג פון אַלע אונטערגעדריקטע קלאַסן און די פולע נאַציאָנאַלע באַפרייאונג פון אַלע אונטערגעדריקטע פעלקער.

ווי קאָן מען אויף אַזאַ ריכטונג קוקן גדלותדיק פון אויבן אַראָפּ ? ווי קאָן מען ווענען עס איז אַריינוואַרפן אין חרם דערפאַר, וואָס „זיין" וועג איז ניט „אונדזער" וועג ? קיינער האָט ניט מער רעכט אויף דער געשטאַלטונג פון דעם אידישן היסטאָרישן גורל, איידער די קאָמוניסטן. אין אָט־דעם פּרט איז דאָס אַ קלאָרער מאָראַלישער חוב פון יעדן איינעם, וואָס שטייט אויף דער געזעלשאַפטלעך־דעמאָקראַטישער הויך פון דער צייט, דירעקט צו קעמפן פאַר זייער גלייכבאַרעכטיקונג אין דעם אידישן לעבן.

דאָרטן, וואו מען גייט זיך פאַנאַנדער מיט זיי, האָט יעדער צד דאָס פולע רעכט צו פאַרטיידיקן זיינע אידעאַלן און צו קעמפן פאַר זייער פאַרווירקלעכונג אין דעם לעבן. אָבער דאָרטן, וואו פאַר בײדע צדדים — דעם קאָמוניסטישן און דעם ניט־קאָמוניסטישן לאַגער אין דער אידישער עפנטלעכקייט — עפענען זיך אויף געמיינזאַמע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן, וואָס דאַרפן דורכגעפירט ווערן אויף דעם זעלביקן אָדער פּאַראַלעלן אופן, — ווי קאָן דאָ זיין די רייד פון אַ וועלכן עס איז חרם ? פון אַ וועלכער עס איז אויסשליסונג ? פון אַ „לא יבוא בקהל", פון אַ פאַרטרייבן „מחוץ למחנה" ? — ווי קאָן גאָר דאָ זיין די רייד פון אַ וועלכן עס איז ניט וועלן אַרבעטן אין איינעם האַנט אין האַנט ?

אָבער די קעגנער פון די קאָמוניסטן האָבן זיך ניט געקאָנט אויפהויבן אויף דער געזעלשאַפטלעך־דעמאָקראַטישער הויך און זיינען צום קאָנגרעס ניט געקומען. און ווען איך רעד וועגן די קעגנער פון דעם קאָמוניזם, מיין איך דווקא די ערלעכע, די אידעאַליסטישע, די וואָס האָבן זייער ערנסטע, ריין־מאָראַלישע חשבונות מיט דער קאָמוניסטישער ריכטונג. זיי איז געווען שווער צו באַפרייען זיך פון דער ירושה־לאַסט, פון דעם גאַטס־קאַזאַקנטום.

וועגן די פּאָליטישע קעגנער פון דעם קאָמוניזם, וואָס האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דער אַגיטאַציע אַנטקעגן דעם קאָנגרעס און האָבן געפירט דעם קאַמף אונטער דער פאָן פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל, וויל איך דאָ ניט רעדן קיין סך. איך וויל דאָ נאָר דערמאָנען, וואָס איך האָב געשריבן וועגן דעם אין דער צייט פון דער פאַרגרייטונגס־אַרבעט צו דעם

קאָנגרעס. איך האָב געזאָגט, אַז ווען די מאָראַל נעכטיקט איבער נאָר איין נאַכט מיט דעם פּאָליטישן פּאַרטיי־אינטערעס, איז — נאַ ! זאָל איר גאָט מוחל זיין, וואָס זי רופט זיך נאָך „מאָראַל״.

ווי איר זעט, האָבן מיר, די אָנהענגער פון דעם קאָנגרעס, און פון דעם „אַלוועלטלעך־אידישן קולטור־פאַרבאַנד״, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אויף אים, — אַ היפּש ביסל קעגנער און שונאים. מיר לייגן זיך ניט קיין פויגעלעך אין בוזעם. מיר ווייסן, אַז דער וועג, אויף וועלכן מיר זיינען אַרויף, איז ניט קיין אַספאַלטירטער שאָסיי, אויף וועלכן מיר וועלן געמיטלעך און רואיק קאָנען שפּאַצירנדיק גיין צו אונדזער ציל. דאָס איז אַ האַרטער, שטייניקער וועג באַרג־אַרויף. אָבער אונדזער ציל שטייט קלאָר פאַר אונדזערע אויגן און צו אים וועלן מיר שטרעבן מיט דער אָנשטרענגונג פון אַלע אונדזערע כוחות.

און דער ציל איז אַ קלאָרער ; עס איז ניט נאָר די דורכפירונג פון יענע קולטור־אַרבעטן, אין וועלכע עס נויטיקט זיך דאָס אידישע פאָלק און די אַנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור, — יענע אַרבעטן, וואָס זיינען אַרומ־גערעדט געוואָרן און פאָרמולירט געוואָרן אויף דעם קאָנגרעס.

עס איז די באַפעסטיקונג און אויסבילדונג פון דער נייער אָרגאַניזאַציע, דעם „איקוף״, וואָס האָט אין איר פּראָגראַם און איר טעטיקייט פאַרקערפּערט אַלע פּרינציפּן פון אונדזער פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם : דעם קאַמף פאַר דער אייגענער עקזיסטענץ און פרייער אַנטוויקלונג, ווי אַ פאָלק ; דעם אומ־קאָמפּראָמיסלעכן קאַמף אַנטקעגן דער שפּראַך־אַסימילאַציע ; דאָס שטרעבן אַריינצוטראָגן די אידעאַלן פון דעם אַלמענטשלעכן פּראָגרעס — דער עיקר, די פאָדערונגען פון סאָציאַלן יושר און פרייהייט — אין אַלע ווינקעלעך פון דעם אידישן לעבן ; דאָס שטרעבן אָפּצושאַפן די מחיצות, וואָס שטייען צווישן די גרויסע פאָלקס־מאַסן און די באַשאַפערישע כוחות פון אונדזער קולטור, גרינגער צו מאַכן פאַר די פאָלקס־מאַסן, זיי זאָלן פון זיך אַליין אַרויס־ברענגען די געהויבנסטע באַשאַפערישע קולטור־כוחות ; און אַזוי אַרום פאַר־איייניקן אין איין נאַציאָנאַל־קולטורעלער איינס סיי די אינטעליגענציע, סיי די מאַסן.

דער „איקוף״ שטרעבט סיי צו פּראָקלאַמירן אין פּרינציפּ, סיי דורכצו־פירן אין זיין טעטיקייט די אַלוועלטלעכקייט פון דעם אידישן פאָלק, פאַר־איייניקן אין איין נאַציאָנאַלער איינס אַלע אידישע ישובים פון גאָר דער וועלט, וואו עס קלינגט נאָר דער אידישער לשון.

דער „איקוף״ איז אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף אונדזערע גרויסע פאָלקס־מאַסן פון גאָר דער וועלט איבערגעבן אין אונדזער שפּראַך אידיש אַלע בעסטע אוצרות פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור און פון

אונדזערע בעסטע קולטור־שאַפֿונגען אין אַ משך פֿון איבער צוויי טויזנט פֿינף הונדערט יאָר.

ער איז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף מאָביליזירן אַלע אידישע כוחות אין דעם קאַמף אַנטקעגן אונדזערע שונאים אין דער דרויסנדיקער וועלט — דער עיקר, דעם פֿאַשיזם און דעם אַנטיסעמיטיזם — ווי אויך אַנטקעגן די פֿינצטערע רעאַקציאָנערע כוחות אין אונדזער אייגענעם לעבן.

ער איז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס שטרעבט צו שטיין אויף דער העכסטער געזעלשאַפֿטלעך־דעמאָקראַטישער הויך מיט אירע פֿאָדערונגען פֿון אַבסאָלוטער גלייכבאַרעכטיקונג פֿאַר אַלע גייסטיקע ריכטונגען, אידעאַלן, אידייאישע איינשטעלונגען און גלויבונגען.

דער „איקוף״ איז אַן אָרגאַניזאַציע מיט דעם הויפּט־ציל אין אויג צו באַשאַפֿן יענע פֿאָרבאַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיק, אַז די אידישע פֿאָלקס־מאַסן זאָלן אַרויסגעריסן ווערן פֿון זייער איצטיקער אַפּאַטיע און דערשלאָגנקייט און זאָלן קאָנען איבערנעמען דעם היסטאָרישן גורל פֿון אונדזער פֿאָלק אין זייערע הענט, ווערן אַ היסטאָרישער כוח אין דער געשטאַלטונג פֿון אָט־דעם גורל אונדזערן, ווי אַ גלייכבאַרעכטיקט פֿאָלק צווישן אַלע פֿעלקער. דאָס אַלץ גייט אַריין אין די צילן פֿון יענער אָרגאַניזאַציע, וואָס דעם פֿונדאַמענט אירן האָט אַוועקגעלייגט דער פּאַריזער קולטור־קאָנגרעס און וואָס טראָגט דעם נאָמען „אַלוועלטלעכער אידישער קולטור־פֿאַרבאַנד״ („איקוף״).

די אידייען פֿון דעם „איקוף״ זיינען זיכער ניט ניי; זיי זיינען העפּטיק פֿאַרטיידיקט געוואָרן אין אונדזער עפֿנטלעכן געדאַנק אין אַ משך פֿון באַלד פֿופֿציק יאָר, און דאָס לעבן האָט כמעט אין אַלע אונדזערע וואוין־לענדער שוין אַרויסגעבראַכט פֿאַרשיידענע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן פֿאַרקערפּערט אין דער אָדער יענער מאָס דעם אָדער יענעם גרונט־פּרינציפּ פֿאַר דעם אָדער יענעם וואוין־לאַנד אונדזערן. אָבער — וואו האָט איר אויף דער אידישער גאַס געהאַט ביז אַהער אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אין אירע גרונט־פּרינציפּן אַריינגעמען אי די אַלוועלטלעכקייט, אי די, אַזוי צו זאָגן, אַלצייטלעכקייט פֿון דעם אידישן פֿאָלק, אי די אַל־פּאַרטייאישקייט, און ענג פֿאַרבינדן די דאָזיקע פֿאָרבאַדינגען פֿון אונדזער סאָציאַלער ווידערגעבורט — די אַלוועלט־לעכע פֿאַראייניקונג — מיט דעם שטרעבן צו מאַכן די פֿאָלקס־מאַסן פֿאַר דער היסטאָרישער באַפֿרייאונגס־קראַפֿט, דורך די מיטלען פֿון אַ געמיינשאַפֿטלעכן אידישן קולטור־לעבן און קולטור־שאַפֿן אין דער שפּראַך־ספֿערע פֿון אידיש?

דער „איקוף״ איז די איינציקע אָרגאַניזאַציע אַזאַ. דאָס איז דאָס אַבסאָלוט נייע אין דעם אידישן לעבן, און אָט־דאָס נייע האָט אַרויסגערופֿן דעם העכסטן ענטוזיאַזם ביי די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קאָנגרעס.

זיי האָבן מיט אַלע חושים דערשפּירט, אַז אין די יסודות פֿון דעם בנין,

וועלכן זיי זיינען צוגעטראָטן צו בויען — דער עיקר די יסודות פון אַלוועלט־לעכקייט און פון העכסטער טאָלעראַנץ צו אַלע ריכטונגען אין דעם אידישן לעבן — אַז אין אָט־די יסודות, זאָג איך, דריקן זיך אויס די לעבנס־נויטן פון אונדזערע גרויסע פאָלקס־מאַסן איבער גאָר דער וועלט.

עס איז ניט קיין אוטאָפּישע האָפענונג, אַז גראָד אָט־די לעבנס־נויטן וועלן באַשאַפן די פאַר זיי אָנגעמאָסטענע מעכטיקע טענדענצן אין דעם אידישן לעבן. דער „איקוף", וואָס וועט שטרעבן צו גיין אין פולער האַרמאָניע מיט אָט־די טענדענצן, וועט דאַרפן דורך זיין טאַקטיק, דורך זיין טאָלעראַנטער שטעלונג צו אַלע אידייאישע ריכטונגען, וואָס האָבן די זעלביקע צילן, אַנטוויקלען אונדזער קולטור־ספערע אין דער אידישער שפּראַך. ער וועט דאַרפן העלפן זיי — די איצטיקע קעגנער אונדזערע — זיי זאָלן זיך אַ קער טאָן מיטן פּנים צו אונדזערע גרויסע, באמת גראַנדיעזע צילן; זיי זאָלן פריידיק אַזן אין איינעם מיט אונדז, חברים פון דעם „איקוף", אָנהויבן דעם שווער־שווערן גאַנג באַרג־אַרויף, צו יענער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער, צייט־היסטאָרי־שער און פּאָליטיש־דעמאָקראַטישער הויך, וועלכע דער קולטור־קאָנגרעס האָט דערגרייכט סיי אין זיינע רעדעס און דיסקוסיעס, סיי אין זיינע באַשלוסן, פּלענער און אין זיין „מאַניפעסט". (זע פערטע ביילאַגע).

וועט זיך דאָס אונדז איינגעבן? איך זאָג מיך אַלע מאָל אָפּ צו זאָגן נביאות. איך גלויב אָבער אין דער היסטאָרישער מאַכט פון די פאָלקס־אינטערעסן, ווען זיי געפינען דעם אָנגעמאָסטענעם אויסדרוק אין די באַוואוסטזיניקע אידייאישע פאָרמולירונגען און פּראַקטישע שטרעבונגען פון די גייסטיקע פירער.

די אידישע פאָלקס־אינטערעסן, אויף וויפיל זיי זיינען פאַרבונדן מיט דער קולטורעלער זייט פון אונדזער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, האָבן געפונען זייער אָנגעמאָסטענעם אויסדרוק אין די אַרבעטן און דער־גרייכונגען פון דעם פּאַריזער קולטור־קאָנגרעס.

גלויב איך און איך האָף, אַז דאָס וועט זיך אונדז איינגעבן. אין דער אַלוועלטלעך־אידישער קולטור־ספערע וועלן מיר האָבן אַ געאייניקט פאָלק איבער גאָר דער וועלט, וואָס וועט שטיין אין קאַמף פאַר גערעכטיקייט און פרייהייט אין זיין אייגענעם לעבן, אין קאַמף פאַר זיין חשיבות, זיין גלייכ־באַרעכטיקונג און גלייכווערטיקייט מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט, אין קאַמף פאַר אַ ברידערלעכן לעבן מיט זיי אין אַ סאָציאַל און פּאָליטיש באַפרייטער און ענג־פאַרברידערטער פעלקער־משפּחה פון דער מענטשהייט.

ערשטע ביילאַגע

א) די אַזוי־צו־זאָגן „אַל־פֿאָלקישקייט״ פון אונדזער קולטור; די אָנ־דערקענונג, אַז מיר זיינען „הונדערט פּראָצענט פון זיך אַליין״ און ניט קיין וואָסער עס איז פּראָצענט פון אַן אַנדער פאָלק, איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין פאַרשיידענע רעדעס. מיר ברענגען דאָ נאָר אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע שטעלן.

אין אַ לענגערן רעפעראַט זאָגט אונדז מ. אָלגין:

„דאָס פאָלק — דאָס זיינען אַלע די, וואָס אַרבעטן אויף דעם אָדער אַנדערן אופן צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. דאָס פאָלק — דאָס איז דער פאַבריק־אַרבעטער פון די גרעסערע און קלענערע אונטערנעמונגען; דאָס איז דער קאָנטאָר־אָנגעשטעלטער — וועמען מיר אין אַמעריקע רופן „וויסער־קאָלנער־שקלאַף״ — אין די אומצאָליקע אינדוסטריעלע, קאָמערציעלע און אַנדערע אַנשטאַלטן; דאָס איז דער קליינער און מיטעלער בעל־מלאכה, קרעמער, הענדלער, וואָס קאָן בשום אופן ניט אידענטיפיצירט ווערן עקאָ־נאָמיש מיט די הערשנדיקע קלאַסן; דאָס איז, ענדלעך, דער פּילצאָליקער שיכט אינטעליגענטן פון אַלערליי גראַדאַציעס און פאַכן. אָט־די גרויסע האָרעשפּאַנע מאַסע, ראשה ורובה פון יעדער נאַציע, איז עקאָנאָמיש ניט איינהייטלעך, אָבער די צעטיילונגען און ספּעראַדישע רייבונגען צווישן אירע פאַרשיידענע גרופּן זיינען ניט אין אַן ערך שוואַכער, ווי די אינטערעסן, וואָס האַלטן זי צוזאַמען. דאָס גיט אונדז דאָס פולע רעכט צו באַטראַכטן זי ווי איין גרויסע סאָציאַלע קאַטעגאָריע, ווי איין ריזיקן קערפּער: דאָס פאָלק.״ (פּראָטאָקאָל, ז. 106.)

ב) די אַל־פּאַרטייאישקייט פון דער אידישער קולטור ווערט דייטלעך אַרויסגעבראַכט פון ה. לייוויקן, וואָס זאָגט (ד. ג., זייט 288):

„אין פּרינציפּ ווילן מיר פּאַראייניקן אַלע שולן, וואו ס׳ווערט געלערנט אידיש, אַפילו ענגלישע שולן און אַפילו תלמוד־תורות; אויב זיי לערנען אידיש און זיי ווילן זיך אָנשליסן צו אונדז, דאַרף מען פאַר זיי געפינען אַ פּלאַץ.״

בן אַדיר דערקלערט (ז. 311): עס איז אונדזער חוב „וואָס פעסטער צעמענטירן די קולטור־כוחות, כדי צו פאַרטיידיקן די לעבנס־פּאָזיציעס פון אונדזער מאָדערנער קולטור, און געמיינזאַם דורכשלאָגן דעם וועג פאַר אונ־דזער ווייטערדיקער שאַפערישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַנטוויקלונג. קיינער

טאָר זיך ניט באַפרייען פון אָט־דעם עלעמענטאַרן מאָראַלישן חוב, און ס'איז באמת אַ שווערע זינד אויפצוזוכן קינסטלעך שטערונגען און כלומרשטע מאָטיוון, כדי צו באַרעכטיקן די געפערלעכע צעשפּליטערונג און דעם ברודער־האַס אויפן גרביט פון אונדזער קולטור־טעטיקייט."

„איך מוז זיך אָבער מודה זיין, אַז ביי מיר אין האַרצן האָט כסדר גע־נאָגט דער וואָרעם פון גרויסע ספקות, צי איז דאָס ניט אַן אוטאָפּיע, אַ חלום: איז דען אַזוינס מעגלעך ביי אונדז, מיט אונדזער סאַנגווינישן טעמפּעראַמענט, צווישן אונדזער אינטעליגענץ, וואו די לײַדנשאַפטן צעשפּילן זיך אָפט אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו די סאַמע לייכטע סתירות ווערן פאַרטיפט ביז טיפסטע תהומען? און ווייטער — שטייען מיר ניט פאַר דער געפאַר, אַז דער קולטור־קאָנגרעס גופא זאָל זיין אַ באַשיינפּערלעך באַוויז פון אָט־די טרויעריקע אייגנ־שאַפטן אונדזערע, און אַנשטאָט צו אייניקן וועט ער נאָך מער פאַרברייטערן די ריסן און פאַרשאַרפן די קעגנזאַצן?

„איצט האָבן מיר שוין דעם קאָנגרעס הינטער זיך, און איך בין גליקלעך פעסטצושטעלן, אַז אונדזער ערשטער פּרואוו — דער ערשטער קולטור־קאָנ־גרעס — האָט זיך גלענצנד איינגעגעבן, האָט אין דעם פּרט איבערגעשטיגן אַלע אָפּטימיסטישע דערוואַרטונגען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז יאָ מעגלעך אַפילו ביי אונדז, אידן, צו פאַראייניקן חבריש אויף אַ פּאָזיטיווער שאַפנדיקער אַרבעט קולטור־טוער פון פאַרשיידענע שטרעמונגען און ריכ־טונגען, וואָס אויפן פּאָליטישן געביט באַקעמפן זיי שטאַרק איינער דעם אַנדערן. ס'וועגדט זיך נאָר פון ערנסטן, אויפריכטיקן ווילן און פון קלאָרן באַוואוסטזיין, אַז דאָס איז דער דרינגנדער געבאָט פון אונדזער צייט."

ג) דער „אַלוועלטלעכער" כאַראַקטער פון דער אידישער קולטור ווערט אַרויסגעבראַכט פון דר. סלאָוועס (ז. 15):

„די אידיש־וועלטלעכע קולטור, וואָס איז געבויט און אויסגעטראָגן דורך די ברייטסטע אידישע פאָלקס־מאַסן, איז אין איר מהות איינע און די זעלבע אין אַלע לענדער, וואו זי שאַפט זיך. די ציִלן, די דאגות און זאָרגן פון אידישן קולטור־שאַפער און קולטור־טוער זיינען די זעלבע אין גאָר דער וועלט."

ד) די אַנדערקענונג פון אונדזער גאַנצן אידישן עבר אין דער קולטור־שאַפונג טרעט קלאָר אַרויס אין אָט וועלכע ציטאַטן:

1) מ. אָלגין (ז. 110) דערקלערט:

„אַ פאָלק, וואָס שאַפט, אַ פאָלק, וואָס שטרעבט אָנצוהאַלטן זיין גע־שטאַלט, האָט ניט קיין גרונט צו וועלן פאַרלייקענען זיין עבר. דאָס אידישע פאָלק האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון זיין געשיכטע. דאָס אידישע קולטור־שאַפן מוז שטיין אין דער אָדער יענער פאַרבינדונג מיט דער קולטור־

טראַדיציע פון דורות. אָבער דער עבר איז דאָך אַ קאָנגלאָמעראַט פון ליכט און שאָטן, פּראָגרעס און רעגרעס. די טראַדיציע ווייס פון העלדן, וואָס האָבן אָפּגעגעבן אַלץ פאַר דער פרייהייט פון זייער פאָלק, זי ווייס אָבער אויך פון אַזוינע, וואָס האָבן געהאַמעוועט דעם וועג פון דעם פאָלק צו אַ ליכטיקערן לעבן. עס איז נאַטירלעך פאַר די שאַפער פון דער היינטוועלטיקער אידישער פּראָגרעסיווער, וועלטלעכער קולטור — וואָס שטאַמט אַרויס פון דעם טיף־צעאַקערטן און מיט זאָמען אָנגעפּילטן באָדן פון דעם פאָלקס־לעבן — צו שטרעבן אָנצוקניפּן זייער אַרבעט אָן דער טראַדיציע, וואָס איז געווען פּראָגרעסיוו אין איר צייט און וואָס קאָן העלפן פאַרשנעלערן דעם גאַנג פון פּראָגרעס היינט."

2) נאָך שאַרפער ברענגט אַרויס דעם זעלביקן געדאַנק דוד איגנאַטאָוו (ז. 155):

„אַ קינד האָט אַמאָל דורך אַ פענצטער דערזען די שטערן אין הימל און האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַזוי די לבנה אין טויזנטער שטיקלעך צעבראָכן געוואָרן. מיר אָבער ווייסן — איבער אונדזער דאָך הענגט די לבנה אַ גאַנצע.

„פון דעם ספר דברים און בועז, ביז דעם נייסטן אידישן ליד, וואָס ווערט איצט געשריבן אין כמעט אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, איז די אידישע קולטור איינע, אַ גאַנצע."

3) מ. לערמאַן, אַ פאַרטרעטער פון דער „לינקער אַרבעטערשאַפט", דערקלערט (ז. 175):

„מיר, די אידישע פאָרשטייער פון דער לינקער אַרבעטער־ריכטונג, האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן די דיסקוסיע, צי די אידישע געשיכטע הייבט זיך אָן ביי שפּינאָזען, ביי די חשמונאים, אָדער פריער."

אויסרעכענענדיק פאַרשיידענע וויכטיקע טראַדיציעס פון דער אידישער געשיכטע, פון וועלכע מיר זאָגן זיך ניט אָפּ, דערקלערט לערמאַן (ז. 177):

„מיר ווילן אויך פון דער ניט־אידישער פריערדיקער העברייאישער, אַראַמישער שאַפונג פון אונדזער פאָלק ירשנען אַלץ, וואָס איז אַריין אין אוצר פון דער אַלגעמיינער מענטשלעכער קולטור, אַלץ וואָס איז אַ שטרעבונג צו פרייהייט, צו אַ שענערער מאָראַל, צו אַ בעסערן לעבן."

4) דר. קאַלק, פון איטאַליע (ז. 267):

„אידישיסטן האָבן גאָר קיינמאָל ניט אָפּגעפרעגט די היסטאָרישע חשיבות און די וויכטיקייט פון דער אַלטער העברייאישער שפּראַך און קולטור. מיר וועלן זיך אָבער אַנטקעגנשטעלן מיט אַלע אונדזערע כוחות און מיט אַלע אונדזערע מעגלעכקייטן קעגן דעם פּרוּוו פון די קעמפנדיקע העברייאיסטן אויסצוּוואָרצלען אונדזער לשון און צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ אין דעם אידישן לעבן."

ה) . מיר ברענגען דאָ איניקע ציטאַטן וועגן דער נויטיקייט צו קעמפן אַנטקעגן דער שפּראַך־אַסימילאַציע און וועגן דער ראָלע פון אידיש אין אָט־דעם קאַמף.

1) דר. מוקדוני (ז. 308) : „אידיש איז פאַר אונדז אַ לעבנס־פראַגע.“

2) איך דערלויב מיר דאָ צו ברענגען אַ פּאָר לענגערע ציטאַטן פון מיין אייגענער רעדע :

„די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון קאַמף אַנטקעגן אַסימילאַציע, פון קאַמף פאַר דער אַגענער נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג און וויטערער פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. דער צוועק פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז געווען די באַשאַפונג פון אַזאַ „גייסטיק־נאַציאָנאַלער היים“, אין וועלכער עס זאָלן זיך קאָנען קולטורעל אויס־לעבן אַלע קלאַסן און שיכטן פון דעם אידישן פאָלק, דעם צעשפּרייטן איבער גאָר דער וועלט ; אַ גייסטיק־נאַציאָנאַלע טעריטאָריע — „אידיש־לאַנד“ ווערט דאָס איצטער אָנגערופן — וואָס איר אַטמאָספערע איז די פרישע געזונטע לופט פון דער פאָלקס־שפּראַך, וואו מיט יעדן אָטעם וואָס מען אָטעמט, מיט יעדן וואָרט וואָס מען רעדט אַרויס, האַלט מען אויף דאָס לעבן, דאָס זיין אויף דער וועלט ווי אַ פאָלק.

ס'איז ווי אַ גאַנץ פּרוכפּער לאַנד וואָלט געווען פאַרפלייצט מיט אַ מבול. איך האָב דאָ אין זינען דעם מבול פון אַסימילאַציע. די אויפגאַבע איז געווען איינצודעמבען דאָס לאַנד פון דעם אַרומיקן ים און אויסצופּאָמפּען די פאַר־פלייצונג, פּונקט ווי די האָלענדער האָבן איינגעדעמבעט דעם „זיודער־זעע“ און אויסגעפּאָמפּעט די וואַסערן פון אָט־דעם ים. וואָס פאַר אַ זין וואָלט דאָס געהאַט, ווען די האָלענדער, איידער זיי זיינען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, וואָלטן אָנגעהויבן פירן וויכוחים, וואָס מען זאָל פלאַנצן אויף דעם ניי־געוואונענעם באָדן, פון וועלכער אַרכיטעקטור מען זאָל בויען די הייזער, וועלכע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּרינציפּן עס זאָלן הערשן אין דעם ניי־געוואונענעם לאַנד ?

„דער קאַמף אַנטקעגן דער פאַרפלייצונג איז געווען און איז נאָך עד היום דער אַלגעמיינער פאָרבאַדינג פון אַלע מעגלעכע אינהאַלטן פון אַ מענטשלעכן לעבן, און פאַר די באַלד 30 יאָר זינט „טשערנאָוויץ“ קומט פאַר אונדז פאָר דער גרויסער היסטאָרישער פּראָצעס פון אָט־דעם קאַמף אַנטקעגן דער אַסימי־לאַטאָרישער פאַרפלייצונג, די איינדעמבונגען דאָ און דאָרט, דער אויסבוי פון קולטורעלע אינדזלען מיט פּרעכטיקע בנינים אויף זיי, די איינפעסטיקונג פון קולטורעלע פּאָזיציעס.“ (ז. 75.)

און וויטער : „אַ דאַנק דעם אָביעקטיוון קאַמף, וואָס דאָס אידישע לעבן האָט אומבאַוואוסטזיניק געפירט אַנטקעגן דער אַסימילאַטאָרישער פאַר־

פּלייצונג, אַ דאַנק דעם אויסבוי פון דער קולטור אין אידיש, וואַקסט איצטער פאַר אונדז אויס אַ נייע אויפגאַבע. זי קאָן פאַרגליכן ווערן צו דער קאָלאָני־זירונג פון אַ גרויסער, וואַלדיקער און אין דער זעלבער צייט זומפּיקער געגנט, וואָס האָט זיך אויפגעדעקט פון אונטער אַ פאַרפלייצונג. די געגנט ווערט קאָלאָניזירט דורך איינצלנע גרופּעס. יעדע האַקט אויס אַ שטח, טריקנט אויס אירע זומפּן, גראָבט אויס אירע ברונימער, בויט אויס אירע הייזער, און עס קומען אָפּט פאַר אומפאַרמיידלעכע גרענעץ־קריגערייען און רעכטלעכע שטרייטיקייטן. די אַלע גרופּעס מוזן אָבער געדענקען, אַז עס ליגן נאָך גרויסע שטרעקעס לאַנד אין אַ זומפּיקן צושטאַנד און אַז דער זומפּ פאַרסמט די לופט פון דער גאַנצער געגנט. און מער פאַר אַלץ מוזן זיי האָבן אין זינען, אַז עס זיינען נאָך ניט אינגאַנצן איינגעדעמבעט געוואָרן יענע שטראָמען, וואָס האָבן געבראַכט די גאַנצע פאַרפלייצונג, און אַז זיי, די שטראָמען, קענען נאָכאַמאָל אָנשוועלן צו אַ מבול. זעען די גרופּעס איין, אַז יעדע פון זיי, וואָס טריקנט אויס אַ ביסל זומפּ אָדער דעמבעט איין אַ טייל פון אַ שטראָם, טוט אין לעצטן סך הכל אַ נוצלעכע ארבעט פאַר דער קולטיווירונג פון דער גאַנצער געגנט, הייבן זיי אָן צו פאַרשטיין, אַז פונקט ווי עס זיינען אומ־פאַרמיידלעך זייערע סכסוכים, איז פאַר זיי נאָך אַ גרעסערער געבאָט פון נויטוועדיקייט די קעגנזייטיקע הילף. שטרעבן זיי צו קומען צו אַ געמיינ־שאַפטלעכער פאַרשטענדעניש, צו העלפן איינער דעם אַנדערן אין וואָס זיי אַלע נייטיקן זיך, און אויסאַרבעטן צוועקמעסיקע פּלענער פאַר יענע אויפ־טוען, וואָס יעדע גרופּע באַזונדער מוז, לויט דער טבע פון דער ארבעט גופא, טאָן אויף דעם זעלביקן אופן.״ (זז. 79־80.)

3) ח. אָלגין דערקלערט (ז. 112):

„יעדעם פאָלק דאַרף אין דער ערשטער ליניע שטרעבן צו באַפרידיקן זיינע אייגענע קולטור־באַדערפעניש אויף זיין אייגענעם אופן. דאָס איבעריקע וועט שוין קומען.

„אַ פאַקט איז, אַז די אידן האָבן צופיל קרעפטן אוועקגעגעבן די אַנדערע פעלקער, אַ דאַנק דער אַסימילאַציע, און אַז דעריבער ליידן מיר פון אַ רעלאַ־טיוון מאַנגל אין קולטורעלע קרעפטן. מיר האָבן שריפטשטעלער, פּאָעטן, דראַמאַטורגן, אַקטיאָרן פון הויכער קוואַליטעט, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין אַנדערע שפּראַכן און וואָס גייען אַרום אַרבעטלאָז, ווייל דאָרט איז אַן איבערפּראָדוקציע אין זייערע פאַכן, בשעת דאָ, אין דער אידישער שפּראַך, פעלן גראַד מענטשן פון דער זעלביקער הויכער קוואַליפיקאַציע (כאָטש אויך ביי אונדז זיינען דאָ אַרבעטלאָזע קאַדרען). צופיל פּאָטענציעלע און אַקטועלע קולטור־טוער זיינען אוועקגעגאַנגען פון אידיש־געביט. צו גרויס זיינען די פאַרלוסטן. איינע פון די אויפגאַבן פון דעם קולטור־קאָנגרעס און דעם

צוקונפטיקן אַלוועלטלעכן צענטער איז—אָפּצוהאַלטן דעם דאָזיקן עמיגראַציע־שטראָם, ניט קינסטלעך, נאָר דורך שאַפן פאַר די אידיש־טוער אַ פעסטערן באָדן און אַ מער אָנציענדיקע אַטמאָספערע."

און ווייטער (ז. 108): „פון דער שטרעבונג אָנצוהאַלטן די אייגענע געשטאַלט, דעם אייגענעם פאָלקס־פּנים, איז ניט אָפּצוטיילן די שטרעבונג צו דערהאַלטן די אייגענע שפּראַך, אידיש."

ווידער אָלגין (ז. 124):

„מיר ווילן זען אַ שטאָלצן אידן, וואָס איז פּיאיק אַרויסצושטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם אַסימילאַטאָר מיט זיין אָפּגעריבענער תכלית־מטבעה און דעם נאַציאָנאַליסט מיט זיין אָפּגעריבענער אתה־בחרתנו־פּאָן. מיר ווילן אַ אידן, וואָס זאָל ניט זיין קיין פרעמדער אין דעם לאַנד, וואו ער וואוינט; אַ אידן, וואָס זאָל וויסן, ווי צו פאַרבינדן די פּראָגרעסיווע כוחות פונעם אידישן פאָלק מיט די פּראָגרעסיווע כוחות פון די אַנדערע פעלקער אינעם זעלביקן לאַנד און אין אַנדערע לענדער אין קאַמף פאַר אַ בעסער, מענטשלעך לעבן, וואָס זאָל אָבער אין דער זעלבער צייט בלייבן אַ איד, אַ זון פון זיין פאָלק, אַ קעמפער פאַר דער צוקונפט פון זיין פאָלק."

4) אין דעם זעלביקן ענין פון קאַמף אַנטקעגן דער שפּראַך־אַסימילאַציע גיבן מיר איצטער דאָס וואָרט בן־אַדירן. ער זאָגט (ז. 140):

„די מאָדערנע קולטור אויף אידיש האָט צו פירן אַן אויסערסט שווערן קאַמף ניט בלויז מיט פאַרביסענע שונאים פון אויסן און ביטערע קעגנער פון אינעווייניק, נאָר דער עיקר — מיט געוואַלטיקע, אָביעקטיווע, סטיכישע כוחות, וואָס גראָבן אונטער דעם עצם יסוד פון איר קיום. האָבן דאָך נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק די פיינט — מיט נחת־רוח און די פריינט — מיט פאַרצווייפלונג, שוין געציילט די גסיסה־טעג פון אידיש. און ווער קאָן עס לייקענען, ווער פילט עס ניט באַשיינפּערלעך, ווי געוואַלטיק מעכטיק עס זיינען די פילפאַכע כוואַליעס פון דער פרעמדער קולטור, וואָס פאַרפלייצן אונדז פון אַלע זייטן, איבערהויפּט אין אַזאַ סטיכישער ספערע, ווי שפּראַך. און אויב מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָבן מיר געהאַט פאַר די אויגן — אין די לענדער מיט גרויסע אידישע מאַסן־ישובים — אייגנטלעך נאָר דעם אויבערשטן דינינקן שיכט פון בורזשואַזיע און אינטעליגענץ, וואו ס'האָט געהערשט די שפּראַך־אַסימילאַציע, איז אַצינד דרינגט די שפּראַך־אַסימילאַציע דורך די געדיכטעניש פון די פאָלקס־מאַסן."

און אויף ז. 141 הייסט עס ביי בן־אַדירן:

„מיר שווימען קעגן דעם שטראָם. באַוואוסטזיניקייט, אַקטיוון ווילן, מסירת־נפש, שאַפונגס־אימפּעט, אידעאַליזם, אָבער פון אַ דינינקן שיכט, בלויז פון אַן אַוואַנגאַרד, שטעלן מיר אַנטקעגן דער צעשטערנדיקער קראַפט פון

דער בלינדער סטיכיע, וואָס בושעוועט איבערן גאַנצן פֿאָלקס־שטח. ניט קיין גלייכער קאַמף. דער קאַמף פֿון אַ דוד קעגן אַ גלית. און כדי אַזאַ קאַמף צו פֿירן צום ענדגילטיקן נצחון מוזן מיר אונדזער קראַפֿט פֿאַרצענפֿאַכן, פֿאַר־הונדערטפֿאַכן, און צוליב דעם מוזן מיר קודם־כל געזונט און פֿעסט מאַכן אונדזערע אייגענע רייען."

5) פֿון די באַריכטן וועגן דעם זעלביקן קאַמף אין די איינצלנע לענדער ברענגען מיר דאָ קודם־כל אַ פּאָר שטעלן פֿון י. טשערניכאָוו באַריכט וועגן פּוילן (ז. 162):

„דער קולטורעלער צוזאַמענברוך איז אַ הונדערט־פּראָצענטיקער. ניט נאָר גרויס־פּוילן, נאָר אַפֿילו ווילנע, וואָס איר נאָמען רעדן מיר אַרויס מיט יראה ופחד, אָט־די ווילנע גייט מיט ריזן־שריט צו דער שפּראַכלעכער אַסימי־לאַציע, די מיאוסטע פֿון אַלע אַסימילאַציעס, וואָס זיינען ביז איצט פֿאָר־געקומען. אויך אין פּאַריז איז געווען אַן אַסימילאַציע פֿון די פֿראַנצויזישע אידן, אָבער מען האָט זיך אַסימילירט מיט קדושה און יראה פֿאַרן גרויסן געדאַנק פֿון דער רעוואָלוציע. מיר אָבער אַסימילירן זיך ווי ממזרים, אין אַ צייט פֿון פֿינצטערער רעאַקציע און ראַסן־האַס. מיר גיבן זיך אונטער יענע, וואָס ווילן אונדז אומברענגען."

„וועלכע אידעאָלאָגיע דאַרף אונדז פֿירן? איך וויל ניט מאַכן קיין קאָמפּלימענטן און איך קאָן דאָס ניט. היינט אָבער מוז איך מאַכן אַ קאָמ־פּלימענט. איך בין געווען ווי אַ דורשטיקער מענטש, וואָס פֿאַלט־צו צו אַ לעבעדיקן קוואַל. ביי אונדז אין פּוילן קאָן מען אויסגיין, ווען מען קוקט זיך צו צו דער אידעאָלאָגיע, וואָס הערשט ביי יענע, וואָס פֿירן די אידישע קולטור־אַרבעט. זיי זאָגן שוין גאָרניט „נאַציאָנאַלע שפּראַך", זיי זאָגן נאָר „מוטער־שפּראַך". זיי האַלטן זיך נייטראַל ביים אַסימילאַציע־פּראָצעס, זיי זיינען „מהיכי־תיתא אידן."

„מיינע פֿריינט, מיר שטייען אין אַ גאָר שווערן קאַמף, און מיר מוזן קעמפֿן פֿאַר עלעמענטאַרע אמתן, ווייל דאָס, וואָס קומט איצט פֿאָר ביי אונדז אין פּוילן, איז, נאָך מיין מיינונג, דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס עס קאָן געשען. מען טוט אונדז אָן אַלדאָס בייז, און אויסערלעכע רשעותן וועלן איבער אונדז קומען, אָבער וואָס קאָן מען טאָן, ווען עס איז ניטאָ קיין גייסט, קיין אידעאָלאָגיע?"

6) די לאַגע אין איטאַליע שילדערט דר. קאַלק (ז. 69):

„די אַסימילאַציע האָט אַלצדינג אויסגעוואָרצלט און אַלץ אָפּגעווישט און דער אידישער קיבוץ אין איטאַליע האָט זיך אַרונטערגעקייקלט ביז צו דער מדרגה פֿון פֿולשטענדיקע אַנאַלפֿאַבעטן אין שייכות צו דער מאָדערנער וועלטלעכער אידישע קולטור. און אויב מען דאַרף מען נאָך פֿאַר ווענען

עס איז אַ באַוויז, אַז היינט־צו־טאָג אידענטיפיצירט זיך אידישקייט מיט אונדזער וועלטלעכער אידישער קולטור, איז קיין בעסערער ביישפּיל, ווי דער איטאַליענישער אידישער קיבוץ, ניט פאַראַן.

„די באַמיאונגען פון די בעסערע און באַוואוסטזיניקערע עלעמענטן אָפּ־צוהאַלטן דעם 50־טויזנטדיקן אידישן קיבוץ אין איטאַליע פון פולשטענדיקן נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג, האָבן קיין פּעולה ניט געהאַט, ווייל ניט די ציוניס־טישע פראַזעאָלאָגיע און ניט די קלעריקאַלע שולחן־ערוך־דיסציפּלין קאָנען פאַרבייטן די באַלעבנדיקע ווירקונג אין נאַציאָנאַלן זין פון אונדזער אידישער שפּראַך און אונדזער אידישער קולטור. אין מילאַן און אין אַנדערע גרעסערע שטעט פון איטאַליע זיינען אַפילו פאַראַן עטלעכע טויזנט אידיש־רעדנדיקע אידן. דאָס רוב איינגעוואַנדערטע אין די לעצטע 15־20 יאָר פון מזרח־אייראָפּע. אָבער דער צוזאַמענשטעל פון דער אידישער קאָלאָניע — סוחרים און פאַרטרעטער פון די פרייע באַרופן — איז אַזאַ, אַז קיין גרויסע האָפענונג אויף דעם קיום פון דער אידישער קולטור דאָרט קאָן מען ניט לייגן, ווייל דאָרט פעלט אינגאַנצן דער מאַסן־ און דער אַרבעטס־מענטש, וועלכע — ווי די דערפאַרונג האָט אונדז באַוויזן — זיינען די אמתע טרעגער פון אונדזער אידיש וואָרט און פון אונדזער וועלטלעכער קולטור, סיי אין די לענדער, וואו מיר לעבן אין קאָמפּאַקטע קיבוצים, און סיי אין די נייע היימען, וואו די אַסימילאַציע לויערט אויף אונדז אויף יעדן טריט און איז אָפט שטאַרקער פאַר דעם גרעסטן ווילן צו דערהאַלטן אונדזער אייגענע אינדיווידואַליטעט.״

„ניט געקוקט אָבער אויף די אומגינסטיקע באַדינגונגען, איז דאָך די לעצטע יאָרן געלונגען אונדזער אידישער קולטור צו געווינען געוויסע פּאָזיציעס אויך אין איטאַליע.״

7) שוין גאָר אין אָנהויב פון דעם קאָנגרעס האָט דר. סלאָוועס אָנ־געמערקט דעם גרונט־געדאַנק, מיט וועלכן אַלע זיינען געווען איינ יק (ז. 14):

„אויב אין אַ מאָמענט, ווען ניט בלויז די קולטור, נאָר די עצם עקזיס־טענץ אונדזערע איז באַדראָט, האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אויף אַ קולטור־קאָנגרעס, איז עס דערפאַר, ווייל מיר ווייסן, אַז קולטור איז איינער פון די שטאַרקסטע זיילן אויף וועלכע עס שטיצט זיך דער קיום פון אַ פאָלק. אָן קולטור איז נישטאָ קיין פאָלק, פונקט ווי אָן קולטור איז נישטאָ קיין מענטשהייט.״

צווייטע ביילאַגע

אין אַט־דער ביילאַגע נעמען מיר אַריין אייניקע כאַראַקטעריסטישע שטעלן וועגן דער „פּאָליטישער הויך”, אויף וועלכער דער קאָנגרעס איז גע־שטאַנען מיט זיין פאָדערונג פון אַבסאָלוטער טאָלעראַנץ צו די פאַרשיידענע מיינונגען, פּאַרטייען, און ריכטונגען אין אונדזער לעבן.

1) ח. אָלגין דערקלערט (ז. 120):

„מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ניט אויף אָפּצושאַפן באַרעכטיקטע אידעאָלאָגישע מיינונגס־פאַרשיידנקייטן, נאָר צו געפינען אַ געמיינשאַפטלעכן באָדן פאַר אַרבעט, ניט געקוקט אויף די אידעאָלאָגיש פאַרשיידענע געזיכטס־פּונקטן.”

2) מיר ברענגען דאָ אַ פּאָר לענגערע שטעלן פון בן־אַדירס רעדע, אין וועלכער דער ענין איז אַרומגערעדט געוואָרן גאַנץ ברייט. ער באַטראַכט פאַר אַ „געפערלעכער חלאת” „די באמת־פאַרברעכערישע צעשפּליטערונג און דער שרעקלעכער ברידער־קאַמף, וואָס הערשט אין אונדזערע רייען, וואָס פאַר־פּעסטעט די אַטמאָספערע, וואָס דעזאָרגאַניזירט אונדז און האַקט אונטער די פליגלען אונדזערע.” (זז. 143-144.) און ווייטער הייסט עס:

„אין די באַדינגונגען פון דער אויסערסט שווערן, ווי געזאָגט, איבער־מענטשלעך־שווערן קאַמף, וואָס אונדז קומט אויס צו פירן פאַרן קיום און אַנטוויקלונג פון אונדזער מאָדערנער קולטור, איז די צעשפּליטערונג פון אונדזערע קנאַפּע כוחות און דער ברידער־האַס נאָך פיל מער פאַרברעכעריש און קאָן פירן צו אַזוינע פאַטאַלע רעזולטאַטן, אַז אונדזער קולטור זאָל מער בכלל קיין תקומה ניט האָבן. און פאַר אַט־דעם פאַרברעכן פאַלט די שולד אינגאַנצן אויף אונדז אַליין, פאַר אַט־די פאַטאַלע רעזולטאַטן זיינען מיר אַליין אינגאַנצן פאַראַנטוואָרטלעך.

„און אַט־דער גרויסער חטא, וואָס מיר באַגייען דורכדעם, ווערט נאָך פיל גרעסער דערמיט, וואָס אין דער ספערע פון קולטור איז ער ניט אַן ערך ווייניקער באַרעכטיקט איידער אין דער ספערע פון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק. מ׳קאָן זאָגן, אַז דאָ האָט די צעשפּליטערונג און דער ברידער־האַס קיין שום אָביעקטיוון יסוד ניט. אין דער פּראַקטישער אַרבעט אויפן געביט פון אונ־דזער מאָדערנער קולטור אויף אידיש איז, אָביעקטיוו גענומען, כמעט ניטאָ קיין אונטערשיידן צווישן די פאַרשיידענע ריכטונגען און שאַטירונגען ביי אונדז. קליינע ניואַנסן קומען ניט אין באַטראַכט. די אונטערשיידן, די כלומרשטע תהומען, ווערן אָהער קינסטלעך אַריינגעבראַכט פון דרויסן, פון די פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס שטרעבן אויסצונוצן די קולטור פאַר זייערע פּאָליטישע צילן, וואָס ווילן צווינגען דינען זייערע באַזונדערע, ספּעציעלע פּאָליטישע צוועקן. שטעלן מיר אָבער די קולטור אַלס אַ זעלבסט־צוועק,

דעמאָלט — חזר איך איבער — קענען מיר שאַפן אַן אָרגאַניש־איינהייטלעכן פּראָנט פון געמיינזאַמער פּרוכטבאַרער חברשער אַרבעט. און דאָ, אויפן ערשטן צונויפקום פון די פאַרשיידנסטע ריכטונגען און שטרעמונגען ביי אונדז, דאַרפן מיר פייערלעך פּראָקלאַמירן דעם עלעמענטאַרן אמת, וואָס מ'האָט אים שוין ביי אונדז זינט לאַנגע יאָר געהאַט פאַרגעסן: אַז קולטור איז אַ זעלבסט־צוועק, אַ גרויסער און הויכער ציל פאַר זיך, אייגנטלעך דער גרעסטער און העכסטער ציל, וואָס טאָר ניט באַטראַכט און באַהאַנדלט ווערן בלויז אַלס מיטל פאַר אַנדערע צוועקן. פאַרקערט, פּאָליטיק איז מחויב, איז באַרופן צו דינען די צילן פון דער קולטור, פּאָליטיק דאַרף זיין אַ מיטל צו שאַפן אַלץ גרעסערע און בעסערע מעגלעכקייטן פאַרן כסדרדיקן וואוקס און אויפבלי פון קולטור.”

„וואָס־זשע פּאָרט איז דער אומבאַדינגטער תנאי, די ערשטע און לעצטע פאָראויסזעצונג פאַר אונדזער חברישער געמיינזאַמער אַרבעט?”

„דאָס איז טאָלעראַנץ, און טאָלעראַנץ, און נאָכאַמאָל טאָלעראַנץ! וואָס באַטייט טאָלעראַנץ? טאָלעראַנץ באַטייט ניט קיין אָפּזאָג פון אייגענעם מהות, פון די אייגענע גלויבונגען און איבערצייגונגען. פאַרקערט — טאָלעראַנץ באַטייט די אָנערקענונג פון דער העכסטער מאַיעסטעטישער חשיבות פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און איר באַזונדערן מהות. טאָלעראַנץ זעצט פאָראויס די פולע אַכטונג צו אַלע ערלעכע און אויפריכטיקע גלויבונגען און איבערצייגונגען.” (זז. 144־146.)

3) דוד איגנאַטאָוו (ז. 153) דערקלערט:

„פּאַרטייען רייסן זיך און שלאָגן זיך אויף אונדזער אידישער גאַס, און די אידישע קולטור־מענטשן דאַרפן זיך זאָרגן פאַר דעם, אַז דער אידישער קולטור זאָל פון דעם וואָס ווייניקער ווי טאָן דער קאָפּ.”

4) מאָריס מייער, וואָס האָט פאַרטראָטן אויף דעם קאָנגרעס דעם ציוניסטישן פליגל פון אונדזער עפנטלעכקייט, קומט אויך צו דעם רעזולטאַט, אַז מען דאַרף „קודם־כל פאַראייניקן אַלע, וואָס שאַפן אין אידיש, אומאָפּהענגיק פון זייער פּאַרטייאישן אָדער קלאַסן־שטאַנדפּונקט, אויף אַ יסוד פון קעגנזייטיקער אַכטונג.”

5) מ. איוועניסקי, פון דעם אַרבעטער־רינג אין ניו יאָרק (זז. 215־216) דערציילט:

„אָט דאָ זיצט דער חבר זאַלצמאַן, דער סעקרעטאַר פון דער שול־סעקציע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, און ער וועט זיך אודאי דערמאָנען דעם פאָלגנדיקן פאַקט: ווען מיט 23 יאָר צוריק איז אין שיקאַגאָ אויף אַ צוזאַמענפאָר פון אַרבעטער־רינג אַרויסגעבראַכט געוואָרן צום ערשטן מאָל דער געדאַנק וועגן אידישע שולן, איז די קעגנערשאַפט געווען אויסערגעוויינ־

לעך גרויס. איין דעלעגאַט האָט אַפילו געחלשט פון ערגערניש, ווען מען האָט דערמאָנט דאָס וואָרט „אידישע שול". עס האָט זיך אָנגעהויבן פון יחידים: זשיטלאָווסקי, זאַלצמאַן, נאָך אַנדערע און אויך איך. דעמאָלט זיינען מיר געווען אַ מינדערהייט, אָבער אָט־די קליינע התחלה האָט געבראַכט איצט צו דעם, אַז דאָס אידישע שול־וועזן איז דער גרעסטער אויפטו פונעם אַרבעטער־רינג און פיל טוער פון אַרבעטער־רינג באַרימען זיך מיט דעם און זאָגן, אַז זיי זיינען שטאָלץ, וואָס דעמאָלט איז אויפגעקומען די אידייע פון אידישע שולן.

„ווען איך האָב אָנגענומען דעם מאַנדאַט צום קולטור־קאָנגרעס, האָב איך דאָס געטאָן מיט גרויס האַרץ־קלאַפּעניש. אַמאָל זיינען מיר געגאַנגען אַלע צוזאַמען, אָבער נאָכדעם האָבן מיר זיך שווער באַקעמפט און אַ סך מיינונגס־פאַרשיידנהייטן זיינען ביזן היינטיקן טאָג נאָך ניט אויסגעגליכן. אָבער ניט געקוקט אויף די קאָנפליקטן, האָב איך נאָך אין יאָר 1933, אין דעם אָרגאַן פון די רעכטע אידישע סאָציאַליסטן, פאַרטיידיקט די אידייע פון אַ פאַראייניקטן פראָנט, ד. ה., די נויטיקייט צו פאַראייניקן אַלע שיכטן פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן פאַר אַ געמיינזאַמער אַקציע. איך האָב ניט געוואוסט, צי מיר וועלן קאָנען געפינען אַ וועג, אויף וועלכן מיר זאָלן קאָנען גיין אַלע צוזאַמען. די רעפעראַטן פון אַפּאָטאָשו, לייוויק און אָלגין האָבן מיר באַוויזן, אַז, ניט געקוקט אויף די פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, קאָן גע־פונען ווערן אַ געמיינזאַמע פּלאַטפאָרם, וואָס זאָל פאַראייניקן אַלע פּראָ־גרעסיווע כוחות פונעם אידישן אַרבעטער־פאָלק. דאָס שליסט ניט אויס, אַז איבער געוויסע טעאָריעס קאָנען מיר אויך בלייבן ניט איינשטימיק."

דריטע ביילאַגע

אַ פּאָר ציטאַטן פון מ. אָלגינס רעדע, וואָס כאַראַקטעריזירן די אידישע קולטור ווי אַ היסטאָרישן כוח. ער זאָגט: „אַ פאָלק מיט אַ שוואַכער קולטור איז שוואַך. אין דער מאָס, ווי עס וועט וואַקסן די אידישע פאָלקס־קולטור, וועט דאָס פאָלק ווערן שטאַרקער. אין דער מאָס, ווי עס וועלן שטאַרקער ווערן די אידישע סאָציאַלע מאַסן־קרעפטן, וועט אויך שטאַרקער ווערן די אידישע קולטור." (ז. 13). „די קולטור איז נויטיק, ווי אַ באַוואָפענונג פאַר די מאַסן אין זייער קאַמף פאַרן לעבן." (ז. 114). „מיר רעדן וועגן ערנסטער פאָרשונג, גרויסער קונסט, ערשט־קלאַסיקער ליטעראַטור. מיר רעדן וועגן דעם בעסטן וואָס דער מענטשלעכער גייסט קאָן פּראָדוצירן. מיר רעדן אָבער וועגן פּראָדוצירן די אַלע אמתע קולטור־ווערטן מיט אַן אויג אויפן פאָלק און אין ענגן קאָנטאַקט מיט די מאַסן. וואָרים נאָר אַזוי וועלן מיר שאַפן אַן עפעקטיווע קולטור, וואָס איז אַ היסטאָרישער כוח." (ז. 117.)

פערטע ביילאַגע

מאַניפעסט און אַ פּאָר רעזאָלוציעס

מאַניפעסט פון ערשטן אַלוועלטלעכן אידישן קולטור-קאָנגרעס

צום אידישן פאָלק!

דער איצטיקער מאָמענט איז אַ טיף טראַגישער אין לעבן פון אידישן פאָלק. די פינצטערע קרעפטן פון רעאַקציע און פאַשיזם, אין זייער קרייץ־צוג קעגן אַלע פּראָגרעסיווע לעבעדיקע כוחות פון דער היינטיקער וועלט, האָבן געמאַכט דאָס אידישע פאָלק פאַר דעם ציל־ברעט פון זייערע באַזונדערע אַטאַקעס. די סאַמע עקזיסטענץ פונעם אידישן פאָלק ווערט באַדראָט אין אַ ריי לענדער פון דער וועלט. די אידישע שפּראַך, די אידישע קולטור, די מיטן שוויים און מאַרך פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אויסגעבויטע אידישע קולטור־אַנשטאַלטן, די אידישע קולטור־טוער זיינען דער קעגנשטאַנד פון שטענדיקע רדיפות אין פאַרשיידענע לענדער. וואויל וויסן די שונאים, אַז קולטור איז אַן אויסגעפּרואווט געווער אין קאַמף פון אַ פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום, זיי האָבן זיך דעריבער פאַרמאָסטן אונטערצוגראָבן, אויסצוראָטן, פאַרניכטן די אידישע קולטור.

דאָס אידישע פאָלק איז באַזעלט מיט אַ ווילן צו לעבן. דאָס אידישע פאָלק, זיינע ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן זיינען טיף דורכגעדרונגען מיט אַ בענקשאַפט נאָך אַ נייער באַפרייטער וועלט, נאָך אַן אָרדענונג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, זיכערקייט, דערהויבונג פון מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן קיום אויף אַ העכערער מדרגה. אין זיין גרויסן דראַנג צו נאַציאָנאַלן קיום און אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג, האָט דאָס אידישע פאָלק געשאַפן די נייע וועלט־לעכע אידישע קולטור, וואָס וואָרצלט טיף אין דורותדיקן פאָלקס־לעבן, וואָס האָט הינטער זיך אַ גרויסן אוצר פון אָנגעזאַמלטע גייסטיקע פאַרמעגנס און וואָס אַנטוויקלט זיך און גייט פאָראויס אַ דאַנק דעם טיפן ווילן פון אידישן פאָלקס־מענטש צו געפינען אין זיין שפּראַך און אין זיין קולטור, וואָס ווערט אויף איר געשאַפן, אַ דירעקטן, פולן אויסדרוק פון זיין גאַנצן לעבן, פון זיין גאַנצן מהות, פון זיינע האָפענונגען, פון זיין קאַמף. גענערט דורך די פרישע

קוואַלן פון שעפעריש כוחות, וואָס שלאָגן אין די טיפענישן פון פאָלקס־לעבן, האָט די אידישע קולטור, פאַר די לעצטע פופציק יאָר, דורכגעמאַכט אין פאַרשיידענע צענטערן פון דער וועלט איר שענסטן אויפגאַנג און אויפבלי.

די צוויי פאָלאַר־קעגנזעצלעכע מאָמענטן פון דער איצטיקער היסטאָרישער תקופה אין לעבן פון אידישן פאָלק, דער אַנוואוקס פון קולטור־קרעפטן און דער אָנוואוקס פון אַ קאַטאַסטראָפע, שטעלן אַוועק פאַר דער אידישער עפנט־לעכקייט אַזוינע פּראָבלעמען, וואָס קאָנען געלייזט ווערן נאָר דורך אַ פאַר־אייניקונג פון אַלע לעבעדיקע און שאַפנדיקע אידישע כוחות, ניט בלויז אין יעדן לאַנד באַזונדער, נאָר אויך אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב.

דאָס אידישע פאָלק איז ניט אָפּצוטיילן פון דער אידישער קולטור. די אידישע קולטור איז ניט אָפּצוטיילן פון דעם אידישן פאָלק, פון זיינע ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן. וואָס שטאַרקער עס זיינען אָרגאַניזירט זיינע קרעפטן, אַלץ רייכער וועט בליען די אידישע פאָלקס־קולטור און אַלץ גרעסער וועט זיין דער ווידערשטאַנד פון דעם פאָלק מיט זיין קולטור קעגן דער פאַרניכטונג.

אָבער ניט נאָר דאָס פּראָבלעם וועגן פאַרטיידיקונג כלפּי חוץ שטייט פאַר דער אידישער קולטור, נאָר אויך דאָס פּראָבלעם פון ווידערשטאַנד קעגן אינעווייניקסטע שונאים. עס זיינען דאָ גענוג שטאַרקע אידישע שיכטן און קערפּערשאַפטן, וואָס ווילן ניט אָנערקענען די אידישע שפּראַך און קולטור, וואָס ווילן זיך ניט רעכענען מיט איר איינגעוואָרצלטקייט אין פאָלק, און וואָס קעמפן קעגן איר. דערביי געפינט זיך די אידישע קולטור אין אַזאַ לאַגע, אַז אין ערגעץ ווערט זי ניט פינאַנסירט פון אַ מלוכה־בודזשעט, אויסער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז אומעטום אין אַלע גרעסערע און קלענערע לענדער פון דער וועלט, וואו עס געפינען זיך אידישע קיבוצים, איז די אידישע קולטור אָנגעוויזן אויף אירע אייגענע מיטלען, און אַז דאָס זיינען מיט ווייניק אויס־נאַמען די מיטלען פון די אָרעמסטע שיכטן פון פאָלק.

דאָס אַלץ דיקטירט מיט אומבאַצווינגלעכער נויטווענדיקייט די פאַר־מירונג פון אַן אַלוועלטלעכן אידישן צענטער, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער אידישער קולטור אין אַלע אירע אַספּעקטן, און וואָס זאָל זיך שטיצן אויף קולטור־צענטערן אין אַלע לענדער, ווער עס וואוינען אידישע מאַסן.

מיר, פאַרטרעטער פון אידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס און קולטור־טוער פון דריי און צוואַנציק לענדער, פּראָקלאַמירן דערמיט די גרינדונג פון אַזאַ אַלוועלטלעכן אידישן צענטער, וואָס זאָל האָבן פאַר זיך די פאָלגנדיקע גרויסע אויפגאַבן:

א) פאַרטיידיקן די אידישע קולטור קעגן אַלע אירע אויסנווייניקסטע שונאים, מאָביליזירן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון דער וועלט, מאָביליזירן די געזעלשאַפטלעכע קרעפטן סיי פון אידן, סיי פון ניט־אידן, צום שוץ פון

דער אידישער שפּראַך און קולטור אומעטום, וואו זיי ווערן גערודפט אָדער געשטעלט אין סכנה.

ב) פאַרטיידיקן די אידישע קולטור קעגן די אינעווייניקסטע שונאים.

ג) זאָרגן פאַר דער אויסברייטערונג, פאַרטיפונג, באַרייכערונג, פאַר־פיינערונג פון דער אידישער וועלטלעכער פּראָגרעסיווער קולטור, סטימולירן איר ווייטערדיקן וואוקס אין דער ריכטונג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און פרייהייט.

דאָס וועט נייטיק מאַכן, צווישן פיל אַנדערע אַרבעטן, וואָס דאַרפן רעאַליזירט ווערן באַזונדער, די פאָלגנדיקע הויפּט־ריכטונגען פון דער טעטיקייט פון וועלט־צענטער:

1. העלפן מיט קולטור־קרעפטן און אַנדערע מיטלען די קלענערע אידישע קיבוצים, וואָס זיינען פאַנאַנדערגעוואָרפן איבערן גאַנצן ערד־קיילעך און פאַר וועמען דער וועלט־צענטער איז פון גאָר אַ באַזונדער באַדייט.

2. קאָאָרדינירן די קולטור־טעטיקייט פון אַלע לענדער מיט אַ אידישן קיבוץ, וואָס דאָס הייסט אין דער ערשטער ליניע אָנהאַלטן דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט צווישן די פאַרשיידענע קולטור־צווייגן, פאַרהיטן פון כוחות־פאַרשווענדונג דורך דופּליקאַציע, העלפן דער נאָרמאַלער פאַרטיילונג פון קולטור־קרעפטן צווישן פאַרשיידענע לענדער, באַזאָרגן די אידישע קולטור־וועלט מיט אינפאָרמאַציע וועגן דער גאַנצער קולטור־אַרבעט אין אַלע לענדער, אָרגאַניזירן אַ קולטור־פאַרקער אין אַ וועלט־מאַסשטאַב.

3. אונטערנעמען אַזוינע קולטור־אַקציעס און גרינדן אַזוינע קולטור־אַנשטאַלטן און קולטור־אונטערנעמונגען, וואָס זיינען איבער די כוחות פון איין לאַנד.

4. שאַפן פינאַנציעלע מיטלען פאַר קולטור־אַרבעט.

5. דער פּועל־יוצא פון דער גאַנצער טעטיקייט פון דעם וועלט־צענטער, און דאָס דאַרף זיין איינער פון זיינע באַוואוסטזיניק־געשטעלטע צוועקן — איז: וואוקס פון דעם אָנזען, פון דער חשיבות פון דער אידישער קולטור, סיי אין די אויגן פון אידישע קולטור־טוער און אידישע מאַסן, סיי אין די אויגן פון דער וועלט.

די קרעפטן, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אַרום דעם קולטור־צענטער, באַשטייען פון אָרגאַניזאַציעס און יחידים מיט פאַרשיידענע פּראָגרעסיווע אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען. דאָס האָט זיי אָבער ניט געשטערט צו געפינען אַן אַלגעמיינע פּלאַטפאָרם און צו אייניקן זיך אויף אַ פּראָגראַם פון אַרבעט. דער קאָנגרעס, אָפּגעהאַלטן אין פּאַריז דעם 17—22טן סעפּטעמבער, 1937, איז אַליין אַן איבערצייגנדיקער באַווייז, אַז געמיינזאַמע אַרבעט איז מעגלעך אויף דער פּלאַטפאָרם פון פּראָגרעסיווער, וועלטלעכער אידישער קולטור. דער

קאָנגרעס איז דורכגעגאַנגען אין אַ גייסט פון אייניקייט, פון גרייטקייט צו אַרבעטן, צו בויען די אידישע פאָלקס־קולטור. דער קאָנגרעס האָט אַריינ־געבראַכט אַ גייסט פון אָפּטימיזם, פון ענטוזיאַזם, פון אַקטיוויטעט, וואָס האָט שוין געהאַט אַ ווירקונג אויף אַ סך אידישע קיבוצים.

דער קאָנגרעס איז נאָר אַן אָנהייב פון אַ גרויסער היסטאָרישער טאַט. דער געשאַפענער צענטער דאַרף ווערן דער פאַקטאָר, וואָס זאָל סטימולירן די פאַראייניקונג פון אַלע פּראָגרעסיווע אידישע קולטור־קרעפטן, סיי אויף אַ לאַנדס־מאַסשטאַב, סיי אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב.

דער קאָנגרעס רופט אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אינטערעסירן זיך מיט קולטור, אַלע אידישע אַנשטאַלטן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט קולטור, אַלע קולטור־טוער אויף גאָר דער וועלט:

שליסט זיך אָן אין וועלט־צענטער פאַר אידישער קולטור!
העלפט אויפבויען דעם גרויסן בנין פון דער אידישער קולטור!

1) אין דער רעזאָלוציע פון דער וויסנשאַפטס־קאָמיסיע הייסט עס:

„מ'טאָר זיך ניט באַנוגענען בלויז מיט פאָרשונגס־אַרבעט. מען מוז אויך שאַפן נייע קאַדרען פון אידישער אינטעליגענץ, וואָס זאָלן זיך וויסנ־שאַפטלעך אויסלעבן אין דער אידישער שפּראַך. עס מוזן געשאַפן ווערן אַנשטאַלטן פאַר העכערער בילדונג אין אידיש.” (ז. 338.)

2) אין דער רעזאָלוציע פון דער שול־קאָמיסיע הייסט עס:

„דער קולטור־פאַרבאַנד און זיינע אָרגאַנען נעמען אַריין אין קרייז פון זייער טעטיקייט אַלע אידיש־וועלטלעכע שולן מיט אידיש אַלס אונטעררירכטס־שפּראַך.

„דער קולטור־פאַרבאַנד פאַראייניקט אַרום דער אידיש־וועלטלעכער שול און צוזאַמען אַריין אין דער אַרבעט, אין און אַרום דער שול, אַלע אָנהענגער פון דער אידיש־וועלטלעכער שול, אומאָפּהענגיק פון ריכטונג.”

עס ווערט אָנגענומען דאָס אַבאָנאַמענט
אויף דעם זשורנאַל

יידישע קולטור

חודש־שריפט פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד (איקוף)

רעדאַקטאָר — נחמן מייזיל

אין דעם זשורנאַל „יידישע קולטור" באַטייליקן זיך דיכטער, דערציילער, קריטיקער, קינסטלער און קולטור־טוער פון גאָר דער וועלט.

דער זשורנאַל „יידישע קולטור" שטרעבט צו פאַראייניקן די פּראָגרעסיווע קולטור־שאַפערישע כוחות אין אידישן פאָלק פון גאָר דער וועלט.

דער זשורנאַל „יידישע קולטור" גייט אין די וועגן, וואָס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן פאַרן איקוף דורך דעם אַלוועלטלעכן אידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז.

יעדער פריינט פון אידישן שאַפן דאַרף לייענען און אַבאָנירן דעם זשורנאַל „יידישע קולטור".

פּראָבע-נומערן ווערן אַרויסגעשיקט

אַבאָנאַמענט-פּרייז:
אַ יאָר — 2 דאָלער, אין אויסלאַנד — $2.50

אדרעס:
YCUF, 189 Second Avenue, New York, N. Y.
Telephone: GRamercy 5-8456

ווערט אַ מיטגליד אין „איקוף"!